STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08122

DI EMESE HASENE

Aleph Katz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א ל ף   כּ ץ

די אמתע חתונה

פ אַ ר ל אַ ג
מדינת ייִדיש
נ י ו י אָ ר ק
תשכ״ד — 1964

אַנדערע ביכער פֿון אלף כּץ

(1) **אַ מעשׂה פֿון ים**
און אַנדערע לידער, ניו יאָרק, 1925

(2) **אַקערצײַט**
אַ זאַמלונג לידער, ניו יאָרק, 1929

(3) **דאָס טעלערל פֿון הימל**
פּאָעמע, ניו יאָרק, 1934

(4) **פֿון א' ביז ת'**
קינדער־ליד, ניו יאָרק, 1939

(5) **אַמאָל איז געווען אַ מעשׂה**
לידער, ניו יאָרק, 1944

(6) **גוט מאָרגן, אלף; פּורים־שפּיל און יאָסעלע:**
צוויי שפּילן און אַ מעשׂה, ניו יאָרק, 1950
(פּרעמירט מיט אַבעל שאַבאַן פּרעמיע פֿון ייִדישן
קולטור קאָנגרעס, 1955)

(7) **חלום עליכם**
שפּיל און לידער, ניו יאָרק, 1958

ווער עס וויל אויפֿפֿירן **„דער טײַוול און פֿײַוול דער בעקער"** (זײַט 135) אָדער אינסצעניזירן אַנדערע לידער, ווערט געבעטן צו שרײַבן צום מחבר אויף דעם אַדרעס:

ALEPH KATZ
152 East 22nd St.
New York 10, N. Y.

אלף כץ

פארלאג
מדינת יידיש
ניו יארק

DI EMESSE KHASSENE

Quite a Wedding

Play & Poems

By Aleph Katz

Title-page and illustrations by Isac Friedlander

Copyright 1964 *by* A. M. Katz
New York, N. Y.

שערבלאַט און צייכענונגען פֿון יצחק פֿרידלענדער

הויפּט־פֿאַרקויף ציקאָ ביכער־פֿאַרלאַג
CYCO, 25 East 78th Street, New York 21, N. Y.

Printed in the U.S.A. by
Shulsinger Bros. Linotyping & Publishing Co.
21 East Fourth Street New York 3, N. Y.

ג ע ו ו י ד מ ע ט   מ י ט   ל י ב ש אַ פ ט
סיליע׳ן און אונדזערע קינדער
אפֿרים מיט שולמית׳ן און דעבי׳ן

אלף

אינהאַלט

פּראָלאָג

אין אַלץ איז דאָ אַ ליד 9

די אמתע חתונה

די אמתע חתונה 13
דאָס וואָס מען קען מיט קיין ווערטער נישט זאָגן 20
דער סוד פֿון דער טרער 21
די גרינע קאַפּאָטע און גאָלדענע קרוין 27
די בריק פֿון ווערטער 31
דער צעשטראָלטער צווילינג 33
דער סוף פֿון דער מעשׂה 35

דאָס אויג און דאָס ליד

דאָס אויג און דאָס ליד 39
דער לעצטער בוים 45
די נסיעה 49
מײַן דור איז מײַן שותּף 52
דער גראַם פֿון צוויי וועלטן 53
דער רויש פֿון די בלעטער 54
דער **אוי** פֿון באַדויער 56
אַן אַלטער פּאָרטרעט 58
דער פֿלאַם 59
אַ ליד צו אַ פּשוטן ייִד 60
מײַן טאַטנס שטיין 62

אין בראַצלאַווערס וואַלד

א מעשׂה מיט זיבן משלים....... 65
ר׳ נתן דער סופֿר....... 67
די פֿערדער....... 69
דער פֿויגל און זײַן כּלה....... 70
דער בן־מלך און דער שטעקן....... 76
א מעשׂה....... 84
רבּה בּר בּר חנא....... 86
דער נײַער הימל....... 90

אַ טיגער אויף אַ שטריק

א טיגער אויף א שטריק....... 95
מאַנאַלאָג פֿון א זעברע....... 97
די ערשטע זײַט....... 101
איר זעט דאָך....... 106
דער רעד־נאַר....... 110
דער קעניג און דער ווינט....... 112
דער פויער און דער גאָפּל....... 117
ר׳ אלתּר פֿיש....... 119
מיטוואָך....... 129

דער טײַוול און פֿײַוול דער בעקער

(שפּיל אין צוויי טיילן)

ערשטער טייל: דער טײַוול און דער בעקער....... 135
צווייטער טייל: פּאַניע פֿלאַם און פּאַניע גראַם....... 147

עפּילאָג

די בענקשאַפֿט פֿון אַלץ וואָס גייט־אויס צו פֿאַרשטיין....... 160

פּראָלאָג

אין אַלץ איז דאָ אַ ליד

אין אַלץ איז דאָ אַ ליד, וואָס וויל געזונגען ווערן —
אין בלעטל פֿון אַ בוים, אין פֿינקל פֿון די שטערן,
אַפֿילו אין אַ שווײַגנדיקן שטיין,
וואָס ליגט מיט אַ פֿאַרגליווערטן געוויין.

אַפֿילו אין די קנייטשן פֿון אַ טײַך אַ מידן,
אַוודאי אין די כוואַליעס פֿון דעם ים וואָס זידן,
איז דאָ אַ ליד, וואָס זוכט אין וואָרט אַ היים,
ווי פֿורעם זוכט אין טעפּערס האַנט די ליים.

נאָך מער איז דאָ אַ ליד אין יעדן וואָרט באַזונדער,
נאָר שלאָגן שלאָגט אַרויס דערפֿון דער קלאַנג פֿון וווּנדער,
ווען וואָרט אין וואָרט ווערט אָנגעשאַרפֿט און גליט,
צינדט־אָן דעם קנויט פֿון האַרץ מיט נס וואָס בריט.

און ווען דער נס געשעט און ווען דאָס האַרץ טוט בריִען,
עס כאַפּט זיך דאָרטן אויף און גרייט זיך זינגען, פֿליִען,
דער אומעטיקער פֿויגל אין מײַן שטײַג
און וויל זײַן אומעט זינגען, נאָר ער שווײַגט.

ער קוקט אויף מיר מיט שטומע אומעטיקע בליקן —
צי וועט ער זיך אַמאָל דערוואַרטן אויף אַ תּיקון,
ווען וואָרט אין וואָרט אַ גלי טאָן וועט דעם קלאַנג,
מסוגל פֿאַר זײַן וויינענדיק געזאַנג.

אין אַלץ איז דאָ אַ ליד, וואָס וויל געזונגען ווערן,
און יעדער וויל אַרויסדערציילן זײַנע טרערן —
ער זאָל בײַם סוף פֿון טאָג ווען ער איז מיד,
ניט בלײַבן מיט זײַן טרערנדיקן ליד.

יאַנואַר־פֿעברואַר, 1960

די אמתע חתונה

I

דער צויבער פֿון וואָרט האָט געברענט אויף מײַן צונג

די אמתע חתונה

צייכענונג פֿון יצחק פֿרידלענדער

די אמת׳ע חתונה

(אַ מעשׂה אין זיבן סצענעס)

סצענע איינס: געסט

עלף־און־צוואַנציק געסט מיט טריטעלעך געלאַסענע
זײַנען זיך צונויפֿגעקומען אויף אַ חתונה,
אויסגעזעצט זיך אַלע אויף די בענקלעך בײַ די ווענט
און ווי ברוגז׳ע געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט.

וויפֿל ס׳האָט דאָרט די קאַפּעליע נישט געסטאַרעט זיך,
האָבן דאָך די מאָדנע געסט אַלץ מער פֿאַרכמאַרעט זיך,
און די שענסטע פֿריילעכסן פֿון לעבעדיקסטן סאָרט
האָבן נישט געקענט אַפֿילו רירן זיי פֿון אָרט.

ווער זיי זײַנען — צי פֿון חתנ׳ס צי פֿון כּלה׳ס צד,
אויך צי זײַנען זיי פֿון רײַכן צי פֿון דלות צד —
קיינער האָט דאָס נישט געוווּסט, אויך נישט געקענט דערגיין:
זײַנען זיי געבעטענע געקומען צי אַליין.

אַנגעדרודלטע, ווי פֿייגל נישט־געשטויגענע,
און מיט לאַנגע נעז ווי שנאָבלען אויסגעצויגענע,
די פֿאַרקרימטע אויגן פֿרום אַראָפּגעלאָזט צו דרערד,
זײַנען זיי געזעסן און געשוויגן טיף פֿאַרקלערט.

סצענע צוויי: באַזעצנס

און דערוויַיל די חתונה, אַ שטאַרק צעפּידלטע,
אַ צערוישטע, מיט בדחנות אַ צעלידלטע,
ווי עס פּירט זיך פֿון קדמונים אויף דער גאַנצער וועלט,
איז געוואָרן היציקער און בליציקער צעהעלט.

די קאַפּעליע, אַ צעפּויקטע, אַ צעליאַרעמטע,
האָט געצימבלט, געטרומייטערט אַ צעוואַרעמטע,
נאָך דעם ווי דער בדחן האָט מיט רירנדיקע רייד
חתן-כּלה צו דער חופּה שטראַליק צוגעגרייט.

אָבער ווען די שוויַיגנדיקע געסט, פֿאַרריסענע,
זיַינען אַלץ געבליבן זיצן שטום, פֿאַרביסענע,
האָט דער בדחן דאָס פֿאַרטראָגן מער שוין נישט געקענט,
און דער כּהן האָט אין אים צעשפּילט זיך און צעברענט:

ביַי די עקן פֿון די ווערטלעך זיַינע גאַליקע
האָט ער בליציק אָנגעצונדן גראַמען קנאַליקע,
וואָס ער האָט אַרויסגעפּישופּט פֿון זיַין גראַמען-נעסט,
און זיי אַלע אָנגערייצט אויף די קאַפּריזנע געסט.

סצענע דריי: ניין!

אין דעם פּלאַקער פֿון דער גראַמעניש דער גלאַנציקער
זײַנען די טשיקאַווע געסט די עלף־און־צוואַנציקער
אָפּגעבריטע אויפֿגעשפּרונגען, און צום ערשטן מאָל
האָט מען אויף דער חתונה דערהערט אויך זייער קול.

פֿײַל פֿון בויגן האָט דאָס קול פֿון זיי אַ פֿלי געטאָן
און די גאַנצע חתונה אַ שטאַרקן וויג געטאָן
מיט אַ ווילדן אויפֿרײַס פֿון געלעכטער און געוויין,
וואָס געלאַכט האָט און געוויינט האָט און געשריגן: „ניין!"

אַכצן פֿון די עלף־און־צוואַנציק געסט צעשריגענע,
אַלטע שרעטעלעך מיט בערדעלעך מיט ציגענע,
האָבן נאָכאַנאַנד דעם „ניין" געמעקעט און געלאַכט,
און די דרײַצן אַנדערע — געיאָמערט אין דער נאַכט.

קיינמאָל, קיינמאָל האָט אַן אויסרוף, אַ דערהערעניש,
נישט געמאַכט אַזאַ מין שטאַרקע איבערקערעניש,
קיינמאָל נישט באַוויזן האָט דער כּוח פֿון אַ וואָרט
דאָס וואָס ס'האָט דער ווילדער „ניין" באַוויזן דעמאָלט דאָרט:

סצענע פיר: פֿאַרשוויגעניש

פֿון דער כּלה האָט דער שלייער זיך אַראָפּגערוקט,
זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿויגל און אַרומגעקוקט
ווי ער וואָלט געשנאַפּט, געזוכט די סיבה פֿון דערשרעק,
און דערנאָך אַוועקגעפֿליגלט, גיך פֿון דאָרט אַוועק.

אָן דעם שלייער, האָט די כּלה, אַ צעשויבערטע,
אַנגסטיק אויסגעגלאָצט די אויגן אַ פֿאַרצויבערטע,
און דער חתן, ווען דערזען ער האָט איר בלייך געזיכט,
איז געוואָרן אויסגעלאָשן ווי פֿון ווינט אַ ליכט.

אויך דער בּדחן, כאָטש אַן עקשן אַ געבוירענער,
איז געוואָרן אַ צעמישטער, אַ פֿאַרלוירענער,
מיט אַן אָפֿן מויל איז ער געבליבן ווי אַ תּם
און אין האַלדז געבליבן שטעקן איז בײַ אים אַ גראַם.

שטיל געוואָרן ווי געליימטע און דערוואָרגענע,
ווי עס וואָלט זיי אָנגעכאַפּט אַ האַנט פֿאַרבאָרגענע,
זײַנען אויך די קלעזמער־יונגען, פֿון דעם „ניין״־געשריי,
און געבליבן שטומע ווי אַ האָן אין מיטן קריי.

ס׳איז די חתונה געווען אין הוילער שרעקעניש
און געהערט דעם יאָמער און די מאָדנע מעקעניש
פֿון די שרעטעלעך, וואָס האָבן אַלע אין אַ ראָד
אויסגעטאַנצט דעם ווילדן „ניין״ מיט אויסטערלישן טראָט.

סצענע פינף: נאַקעט

פלוצעם אָבער האָט דער בדחן זיך אַ ריס געטאָן,
ווי עס וואָלט אים אַ געהיימע בין אַ ביס געטאָן;
ווידער האָט דער כּהן זיך צעברענט אין אים, צעשפּילט,
ווײַל ער האָט אַ נײַעם גראַם אין קעשענע דערפּילט.

האָט ער אײַליק אים אַרויסגעכאַפּט פֿון קעשענע
און אַ ווילדער, ווי מיט טאָצן צוויי מיט מעשענע,
מיט די ווערטער פֿון דעם גראַם געטאָן אַזאַ מין קראַך,
אַז געציטערט האָט דאָס הויז פֿון קעלער ביז צום דאַך.

און דערבײַ אַראָפּגעשאָקלט פֿון די שרעטעלעך
האָט דער גראַמען־קראַך די מאַסקעס און קאַשקעטעלעך
ביז זיי זײַנען נאַקעטע געבליבן דאָרטן שטיין
און פֿאַרשטומט געוואָרן איז אין מויל בײַ זיי דער „נײַן".

אָן די מאַסקעס, און די קליידער אַזוי וויניקלעך,
האָט דער בדחן זיי דערקענט: — ר' חוזק'ס אייניקלעך! —
אַ געשריי געטאָן האָט ער און תיכּף אויסגעפּירט:
— דאָס האָט איר די חתונה אין באָד אַרײַן געפּירט!...

— איצטער איז שוין רעכט! איך קען דעם זיידן אײַערן!
דאָס האָט ער אײַך אָנגעשיקט מיך אָפּצופּרײַערן,
ווי ער האָט נישט איין מאָל שוין געמאַכט מיך פֿאַר אַ תּם,
ווען איך האָב זיך אָנגעשיכּורט מיט דעם ווײַן פֿון גראַם.

— אָבער מער קיין צײַט איך טאָר שוין דאָ נישט פּטר'ן:
אַ רחמנות, חתן־כּלה ווײַטער מאַטערן.
איז דעריבער רירט זיך, חברה, טוט די קליידער אָן! —
האָט דער בּדחן זיי באַפוילן מיט אַ הארבן טאָן.

סצענע זעקס: אויפשטראַל

באַלד דערנאָך האָט ער מיט גראַמען פּריש־געצווילינגטע
אויפגעוועקט פון שלאָף די כּלה אַ צעפּרילינגטע;
און דעם חתן אָנגעצונדן מיט אַ פּרישער פרייד
האָט ער מיט אַ גראַמען־לויף פון שטראַלנדיקע רייד.

די שטראַלונג פון די גראַמען אָנגעלאָפּענע
האָט אויך אויפגעוועקט די קלעזמער די אַנטשלאָפענע,
און זיי האָבן אויפגעשפּילט אַ שיין מאַראַליש ליד
און דערנאָך אַ חופּה־מאַרש מיט פליגלדיקע טריט.

און געשטאַנען בײַ דער חופּה שטיל, ווי שולדיקע,
זײַנען אויך די שרעטעלעך, די אומגעדולדיקע,
אָבער כאָטש עס האָט אין זיי נאָך אַלץ געברענט דער „נייך",
האָבן זיי נאָך יעדער בּרכה נאָכגעזאָגט: אָ מ ן.

נאָך דער חופּה האָט מען לאַנג געטאַנצט, צעלאָזן זיך.
און אַפילו חתנ'ס צד האָט נישט געבלאָזן זיך;
מ'האָט פאַרגעסן אַלע צרות און געטאַנצט ביז שפּעט,
אָנגעשיכּורט פון דער פּויק, פון פידל און קלאַרנעט.

סצענע זיבן: דער לעצטער טאַנץ

נאָך דאָס אויסטערלישסטע פֿון דער גאַנצער חתונה
איז געווען דער טאַנץ מיט טריטעלעך געלאַסענע,
וואָס דער בדחן האָט געטאַנצט, געגאַנגען אין פֿאַרמעסט
מיט ר׳ חוזק׳ס אייניקלעך, די עלף־און־צוואַנציק געסט.

אין אַ שורה אויסגעשטעלט האָט ער די שרעטעלעך
און געגעבן יעדן איינעם ריינע צעטעלעך
אָנצושרײַבן ווילדע ווערטער אָדער ווערטער סתם,
און ער האָט אויף יעדן וואָרט געגעבן זיי אַ גראַם.

און נאָך יעדן גראַם, וואָס ער האָט פֿאַר זיי אויסגעגאַנצט,
האָט אַן אַנדער שרעטל פֿון דער ריי אַרויסגעטאַנצט
און איז באַלד פֿאַרשוווּנדן, ווי פֿאַרשלונגען אויפֿן אָרט,
ביז עס איז פֿון זיי קיין איינער נישט געבליבן דאָרט.

דעמאָלט האָט דער בדחן זיך געזעגנט ריטערלעך,
אויפֿן האַרצן איז געווען אים זיס־ביטערלעך,
און בעת ער האָט שוין פֿון אַ נײַעם גראַם געטראַכט,
האָט ער, פּונקט ווי איך אַצינד, געזאָגט: אַ גוטע נאַכט!

דאָס וואָס מען קען מיט קיין ווערטער נישט זאָגן

עס טרעפט אַז אין האַרצן צעשפּילט זיך אַ שטורעם
פון עפּעס אַ ווײַטער פאַרהוילענער וועלט,
ער קומט און צערודערט די רו פון דעם טורעם,
ווו הינטער אַ פאַרהאַנג געוועזן איז פאַרשטעלט
דאָס וואָס מען קען מיט קיין ווערטער נישט זאָגן,
נישט שנײַדן פון האָלץ און נישט האַקן פון שטיין,
נישט מאָלן מיט פאַרבן, נישט זינגען, נישט קלאָגן,
נישט טאַנצן, נישט שפּילן — מען זאָל עס פאַרשטיין.

און דעמאָלט דערפילסטו דעם שטאָך פון דעם רעיון
ווי ווייניק מען האָט דיר געגעבן געצײַג,
ווי קליין ס׳איז דער כוח פון דײַנע כלי־זיין
צו קענען אַ רגע אַרויס פון דער שטײַג,
וואָס האַלט דיך פאַר׳תּפיסה׳ט ווי זאַמד האַלט דעם ים און
איז גוזר אויף אים בײַ די ברעגן: עד כּאן!
ווי ס׳גיבן די בערג אויך דעם ווינט אַ פאַרצאַם און
פאַרהאַלטן אים: ווײַטער, קיין אײנציקן שפּאַן!

און פּונקט ווי דער ים איבערזעצט זײַנע טרערן
אויף קרוזשעוועס ווײַסע, וואָס שוימען בײַם ברעג,
און פּונקט ווי דער ווינט היילט זײַן רים בײַ די שטערן
און אײַלט פון דאָס נײַ אויף די וועגן אַוועק,
אַזוי טוסטו אויך דײַנע פליגל צעשפּרייטן
און זוכסט אַן אַנטרינונג, אַ נײַעם לבוש,
און הערסט זיך נישט אויף אַ פאַרהאַפטער צו גרייטן
צום נס פון אַ זעקסטן, פאַרהוילענעם, חוש.

יולי־סעפּטעמבער, 1958

דער סוד פֿון דער טרער *)

(אַ משל אין זעקס רינגען)

דערציטערט, דערשראָקן, געיאָגט פֿון אַ שלאַנג,
וואָס האָט מיר אין הארצן פֿארקילט דאָס געזאַנג,
בין איך צו דעם בוים פֿון דער שירה געלאָפֿן,
וואָס איז, אויף מײַן מזל, געווען דעמאָלט אָפֿן.

רינג איינס: קבלת־פּנים

— איך זע אויף דײַן פּנים דעם טונקלען פֿאַרנאַכט,
וואָס האָט דיך אַהערצו אין פּחד געבראַכט, —
געזאָגט האָט דער שׂר פֿון דעם בוים מיט אַ שמייכל,
ווען איך בין אַריבער די שוועל פֿון זײַן היכל.

— דער הימל, מײַן פֿרײַנד, איז נאָך נישט בײַ דער ערד,
דער ים האָט זיך אויך נאָך נישט איבערגעקערט, —
געזאָגט האָט דער שׂר, בײַ דער האַנט מיך גענומען
און לאַנג מיך באַטראַכט מיט אַ בליק מיט אַ שטומען.

דערנאָך, ווי געלייענט ער וואָלט מײַן געדאַנק,
ער האָט מיר געוויזן אין ווינקל אַ באַנק.
איך האָב זיך אַנידערגעזעצט און געשוויגן,
כאָטש טיף אין מײַן האַלדז האָט די שרעק נאָך געשריגן.

— נו, זיץ דאָ אַ ווײַל און באַרויִק זיך, פֿרײַנד,
מיר האָבן נאָך פֿיל צו באַטראַכטן דאָ הײַנט,
און איינער דעם צווייטן אַזוי פֿיל דערציילן
צו פּרוּוון אַצינדער דײַן הארצווייִ פֿאַרהיילן.

---

*) אַ צווייטער באַזוך בײַ דעם שׂר פֿון דעם בוים. זע פּאָעמע „אונטערן בוים", אין מײַן בוך „חלום עליכם", 1958.

אזוי האָט דער שׂר מיר געזאָגט און אליין
ער האָט זיך געלאָזט אַ געהויבענער גיין,
געטראָגן מיט װערדע זײַן הילצערן שווערדל,
געשטראַלט אין דער לופֿט מיט זײַן גרין־האָריק בערדל.

רינג צוויי: פֿייגל

ווי לאַנג ס׳האָט דער שׂר זיך געזאַמט איז נישט קלאָר,
קען זײַן אַז אַ רגע, קען זײַן אַז אַ יאָר:
דעם גאַנג פֿון דער צײַט איז נישט מעגלעך צו מעסטן
אין בוים פֿון געזאַנג און אין חלום פֿון נעסטן.

און איך בין, ווײַזט אויס, נאָך אין חלום געווען,
ווען איך האָב אים ווידער אין פּנים דערזען,
ווי ער האָט זיך איידל צו מיר אָנגעבויגן
און האָט מיט זײַן שווערדל באַרירט מײַנע אויגן.

און באַלד כ׳האָב דערזען אין דער לופֿט אַ געדריי
פֿון פֿייגל מיט פֿליגל פֿאַרשיידענערליי,
וואָס זײַנען געפֿלויגן ווי שטום און פֿאַרשלאָפֿן,
כאָטש זייערע שנאָבלען געווען זײַנען אָפֿן.

— ווער זײַנען די פֿייגל? — איך האָב אים געפֿרעגט.
און ער האָט אַ האַנט אין דער לופֿט אויסגעשטרעקט,
גענומען אַ פֿויגל און מיר אים געגעבן
ווי עפּעס אַ זאַך אָן אַ ווילן, אָן לעבן.

— ס׳האָט יעדער פֿון זיי אַ געזאַנג אין זײַן האַלדז,
וואָס שלומערט אין אים ווי אַ פֿײַער אַ קאַלטס,
נאָר אַנצינדן קען ער זיך, אָנהייבן ברענען,
בלויז דאַן ווען ער טוט דײַן כּוונה דערקענען, —

דער שׂר האָט געענטפֿערט און באַלד, אויף זײַן שפּרוך,
עס זײַנען די פֿייגל אַרײַן אין אַ בוך,
ווו כ׳האָב זיי, ווי ווערטער פֿאַרטראַכטע אויף בלעטער,
געטראָפֿן נישט איין מאָל שוין פֿריער און שפּעטער.

רינג דרײַ: ווערטער

— איך כאַפּ דײַן געדאַנק, — כ׳האָב געזאָגט צו דעם שׂר, —
נאָר גלייב מיר, מײַן פֿרײַנד, איך בין נישט אַזאַ נאַר;
און וואָלט איך שוין לאַנג נישט געווען דאָס באַנומען,
איך וואָלט דאָך צו דיר נישט געווען איצט געקומען.

— איך ווייס, — איז זײַן ענטפֿער געווען, — אַז ביסט קלוג,
נאָר איצט, זײַ מיר מוחל, דו כאַפּסט נישט גענוג.
דו צינדסט זיך אָפּט אָן און דו צינדסט־אָן די ווערטער
און ברענסט אין דעם פֿלאַם פֿון דער שירה באַשערטער,

נאָר דעמאָלט דו זעסט נישט און ווייסט נישט אַז זיי,
די ווערטער, זיי ברענען דעם ווײ פֿון דײַן ווײ,
ווײַל זיי זײַנען אויסן נישט מער ווי דאָס ברענען,
און דאָס, זײַ מיר מוחל, דו טוסט נישט דערקענען.

— איך דאַנק דיר פֿאַר דעם וואָס דו האָסט מיר אַנטפּלעקט,
נאָר זאָג מיר, איך בעט דיך, — איך האָב אים געפֿרעגט, —
ווי האָסטו געטראָפֿן דעם ציל פֿון מײַן קומען
צו היילן דעם פּחד, צו שטילן דאָס ברומען,

דעם יאָמער וואָס האָט מיך צו דיר איצט געבראַכט,
ווען הינטער מײַן פּלייצע עס שטייט שוין די נאַכט,
און איך בין געבליבן פֿאַרראַטן אין שײַער
דורך יענע וואָס האָבן געברענט אין מײַן פֿייער?

און ער האָט געענטפֿערט: — איך האָב דיך דערקענט,
ווען האָסט נאָך מיט וואַקל אין טראָט זיך דערנענט,
געפֿירט פֿון דײַן ניגון באַגינען געגאַנגען,
געזוכט ערשט דעם דיבור פֿאַר דײַנע געזאַנגען.

— איך האָב דיך דערקענט, — האָט ער ווײַטער גערעדט, —
ווען האָסט זיך געראַנגלט מיט מלאך און שד,
ווען ס'האָט דיך אין אָפּגרונט געצויגן דער צווייטער,
דער ערשטער — פּריצײַטיק געשלעפּט אויף זײַן לייטער.

— איך האָב דיך דערקענט און גערופֿן אַהער,
ווען גאָט האָט פֿאַרנומען דעם סוד פֿון דײַן טרער,
אַז איך זאָל דיר גיבן אַ שוץ און אַ וואָפֿן
אַנטקעגן דער שלאַנג, וואָס פֿון איר ביסט אַנטלאָפֿן.

רינג פיר: די שלאַנג

דער שׂר פֿון דעם בוים האָט גערעדט נאָך גאָר לאַנג,
ווען פּלוצעם עס האָט זיך באַוויזן די שלאַנג:
זי איז אויף דער שוועל ווי אַ בעטלער געשטאַנען
און האָט נישט דערוועגט זיך אַריבערצושפּאַנען.

דער שׂר האָט איר פֿריינדלעך געזאָגט: — קום אַרײַן! —
און האָט מיט זײַן בערדל געוואָרפֿן אַ שײַן,
וואָס האָט אויף איר נעבעכדיק פּנים געפֿלאַקערט
אין קנייטשן און שניטן פֿון שׂנאה צעאַקערט.

ווען איך האָב מיט שטוינונג פֿאַרקוקט זיך אויף איר,
אָפּגעקערט האָט זי דאָס פּנים פֿון מיר
און האָט זיך — פֿאַרלוירן — אין דרײַען געבויגן,
געשעמט זיך צו קוקן, ווײַזט אויס, אין די אויגן.

נאָר ווען ס'האָט דער שׂר איר זײַן שווערד אויסגעשטרעקט,
די שלאַנג האָט די פּאַסיקע רגע דערשמעקט,
געעפֿנט דאָס מויל, מיט אַ שיר זיך פֿאַרגאַנגען,
און לאַנג איז איר ליד אין דער לופֿטן געהאַנגען.

און וואָס, מיינט איר, האָט זי פֿאַרלאַנגט אין איר שיר?
דעם אייגענעם חלום וואָס איך און וואָס איר.
און באַלד ווי דער שׂר האָט איר משל פֿאַרשריבן,
די שלאַנג איז פֿאַרשוווּנדן... אַוועק... נישט געבליבן.

רינג פינף: אָפּשייד

— און איצט אַז ביסט פּטור געוואָרן פון שרעק, —
געזאָגט האָט דער שׂר ווען די שלאַנג איז אַוועק, —
עס איז שוין געקומען די צײַט זיך צו שיידן,
מיט נײַע געזאַנגען דײַן הארצוויי פאַרפרייידן.

— איז גיי מיר לשלום און צינד־אָן דאָס וואָרט,
וואָס כ׳האָב דיר שוין פריִער אָט־דאָ אויף דעם אָרט
אַנומלט געוויזן אין חלום זײַן מופת,
צו זינגען פון מענטשן און חיות און עופות.

— און דאָס וואָס דו זאָגסט אַז עס שטייט שוין די נאַכט
דיר הינטער דער פּלייצע, — ער האָט זיך צעלאַכט
און באַלד, מיט באַטאַנונג, געזאָגט מיר: — זײַ וויסן,
דער פאָדעם ווערט קיינמאָל נישט איבערגעריסן.

— ווען דאָ טוט זיך זעצן די זון און פאַרגייט,
זי גייט־אויף באַלד דאָרטן פאַר דעם וואָס פאַרשטייט...
נאָר כ׳האָב דיר שוין צופיל מגלה געװען איצט,
איז גיי שוין לשלום אַרויס פון מײַן גרענעץ.

און באַלד טאַקע בין איך אַרויס פון דעם בוים:
מײַן האַרץ איז געוועזן באַפרײַט פון דעם צוים:
איך האָב זיך דערפילט אַזוי גרינג, אַזוי יונג:
דער צויבער פון וואָרט האָט געברענט אויף מײַן צונג.

די גרינע קאַפּאָטע און גאָלדענע קרוין

(באַלאַדע אין פֿינף מאָמענטן)

מאָמענט איינס: דער פֿינגער

די מעשׂה וואָס איך וויל אַצינדער דערציילן,
כּדי אַ געשלאָגן געמיט צו פֿאַרהיילן,
איז נאָך נישט געשען, נאָר איך האָף אַז זי וועט
זיך לאָזן דערקענען צום האַרץ פֿון פּאָעט.

איך גיי אויף אַ פֿעלד אַזאַ לאַנגן אוןברייטן
און אויבן עס טוט מיך דער הימל באַלייטן,
זײַן בלויקייט איז אָבער דערוווּנדערט אַצינד,
איך ווער אַזוי קליין און אַליין ווי אַ קינד.

נאָר אָט קומט אַראָפּ פֿון די הייכן אַ פֿינגער,
וואָס נעמט־אָן מײַן האַנט מיט אַ רירונג אַ גרינגער
און פֿירט מיך אַרויף אויף אַ וועג בײַ דער זײַט
און שטעלט מיך אַוועק צווישן צוויי מאָדנע לײַט.

ס'איז איינער פֿון זיי אַזאַ הויכער און דינער
און אָנגעטאָן אין אַ קאַפּאָטע אַ גרינער,
זײַן פּנים איז ערנסט, פֿאַרטראָגן, פֿאַרטראַכט,
אַזוי ווי דער הימל אַ זומער פֿאַרנאַכט.

דער צווייטער איז רירעוודיק, פֿריילעך און מונטער
און אָנגעטאָן אין אַ הלבשה אַ בונטער,
זײַן פּנים איז רונדיק אַזוי ווי אַ טאָפּ
און קירצער פֿון ערשטן איז ער מיט אַ קאָפּ.

מאָמענט צוויי: די בשורה

איך שטיי און איך קוק אויף די מאָדנע פאַרשווינען
און זע אַז זיי טראָגן פּאַפּירענע קרוינען:
דעם ערשטנס איז ברוין מיט אַ גרינלעכן טראָלד,
דעם צווייטנס — אַ בלויע מיט גלעקלעך פון גאָלד.

זיי נעמען מיך אונטער די הענט און מיר שפּרייַזן,
איך וויל עפּעס פרעגן, נאָר טו נישט באַווייַזן
אַפילו צו ברענגען אַ וואָרט אויפן צונג,
ווייַל פלוצעם דערהער איך אַ סוד און אַ קלונג.

דעם סוד טוט מיר זאָגן דער הויכער אין אויער,
וואָס עפנט זיך אויף און ווערט ברייט ווי אַ טויער.
אין וועלכן ער שלייַכט זיך אַרייַן און פאַרשווינדט
און קומט באַלד אַרויס אין געאייַל ווי אַ ווינט.

דער קלונג ווידער קומט אין צעציטערטע ברעקלעך
פון רויש אין דער קרוין מיט די גאָלדענע גלעקלעך,
און מונטער קלאַפּט-צו מיט די פיס און די הענט
דער בונטער פאַרשווין אין דעם זעלבן מאָמענט.

די רייד פון דעם סוד גלעטן-אויס מיר דאָס פּנים,
נאָר שווער צו פאַרשטיין איז מיר אַלע סימנים
פון דעם וואָס די גרינע קאַפּאָטע מיר גיט
צו קענען דערזינגען דעם סוף פון מייַן ליד.

מאָמענט דריי: די קרוינונג

אונ ווי איך פאַרטיף זיך אזוי און פאַרטראַכט זיך,
איך וויים נישט צי טוט עם געשען צי מיר דאַכט זיך —
דער בונטער טוט־אָן מיר זיין גאָלדענע קרוין,
זיין גרינע קאַפּאָטע — דער ערשטער פּאַרשוין.

און זיי ווידערביידע — זיי ווערן פאַרשווּנדן
און לאָזן מיך איבער געקרוינט און צעצונדן:
איך רוף אוים דעם סוד מיט מיין גאַנצן געביין —
אַ ווידערקול ברענגט מיר צוריק אַ געוויין.

איך שטרענג־אָן מיין אויער, די סטרונעס פון הארצן,
צו קענען באַנעמען דעם אומעט דעם שווארצן,
צו וויסן ווער ווײַנט עם פאַרצווייפלט אזוי
און וואָס איז דער קוואַל פון דערשלאָגענעם אוי.

די סטרונעס צעברומען זיך מיט אַ געציטער:
— דיין סוד האָט געהערט איצט דער איינציקער היטער
פון גאָרטן געפּלאַנצטן מיט פרייד און מיט פּיין
און האָט אים גענומען אין קבר אריין

מאָמענט פיר: די טענה

— דער לעצטער, דער איינציקער היטער פון גאָרטן
איז אויך שוין אַוועק אין דעם אייביקן דאָרטן,
פאַר וועמען זשע האָט איר געקרוינט מיך אצינד? —
צעווײַנט זיך דער דיכטער אזוי ווי אַ קינד.

— פאַר וועמען, דו גרויזאַמער הימלשער פינגער,
האָסטו מיך אצינדער געמאַכט פאַר אַ זינגער
און איבערגעגעבן מיר איצטער דעם סוד? —
האָט ווייטער גע׳טענה׳ט דער דיכטער צו גאָט.

מאָמענט פינף: די קינדער

די ביטערע טענות, וואָס ער האָט געשריגן,
האָט איבערגעריסן אַ שטיל־דינער ניגון,
וואָס האָט זיך אַרונטערגעלאָזט פֿון דער בלוי
און צוגעדעקט אַלץ מיט אַ רואיקן טוי.

אַ רויש פֿון די ביימער געמורמלט האָט צווייַגיק
און ס׳האָבן די בלעטער זיך אָנגעקוקט שווייַגיק,
ווען ס׳איז אַרום דיכטער געוואָרן אַ ראָד,
פֿון קינדער וואָס האָבן געבענקט נאָך אַ סוד.

זיי האָבן פֿאַרבענקטע געקוקט אויף דעם דיכטער
מיט פֿרייִלעכע אויגן, צעשטראַלטע געזיכטער,
געשטאַנען, געוואַרט און געהאָפֿט צו פֿאַרשטיין
דעם סוד פֿון דעם דיכטער, זייַן לשון און מיין.

און דאַן פֿון דער נידער ער איז אויפֿגעקומען,
אַ נייַע שליחות דערפֿילט און באַנומען,
און ס׳האָבן אויף אים זיך צעשטראַלט מיט דערשטוין
די גרינע קאַפּאָטע און גאָלדענע קרוין.

●

צי דאָס האָט ער טאַקע געוואָלט איצט דערציילן,
כּדי אַ געשלאָגן געמיט צו פֿאַרהיילן —
ווער ווייסט ?... נאָר אַזוי האָט די מעשׂה גערעדט,
אַזוי זיך דערקענט צו דעם האַרץ פֿון פּאָעט.

פעברואַר־אַפּריל, 1958

די בריק פֿון ווערטער

איך ווייס אַז פּונקט ווי איך שטיי איצט
און זע אײַך אַלע ווי איר זיצט
און קוקט אויף מיר מיט וואַכן בליק
און זעט ווי איך פֿאַרוואַרף אַ בריק
פֿון ווערטער און איך לאָז זיך גיין —
אויך איר בעט גאָט איר זאָלט פֿאַרשטיין
דערפֿילן יעדער וואָרט און ווונק
און יעדן רמז פֿון מײַן צונג,
און איר זײַנט אַלע אָנגעשפּאַנט
צו בויען זײַלן פֿון פֿאַרשטאַנד,
ווײַל נאָר די קלאָרקייט פֿון מײַן שפּראַך
קען ראַטעווען די בריק פֿון קראַך.

נאָר זאָגן מוז איך אײַך אַ סוד,
עס איז ניט דווקא קיין געבאָט,
אַז יעדער איינציק וואָרט אין זאַץ
מוז טאַנצן נאַקעט אויף אַ טאַץ,
כּדי עס זאָל זיך האַלטן לאַנג
די בריק פֿון ווערטער און געזאַנג,
ווען דער פּאָעט טוט גיין אויף איר
און שוועבט מיט גרינגן פֿוס-באַריר,
מיט אַ מתּנה אין דער האַנט,
צו קומען אין דעם ווײַטן לאַנד
פֿון אײַער האַרץ, וואָס בענקט אַזוי
און זוכט אַ היילונג פֿאַר זײַן אוי.

ניט בלויז דאָס וואָרט דערציילט און רעדט
אין גראַמען־גלי פֿון דעם פּאָעט,
נאָר אויך דער ניגון פֿון דעם וואָרט,
וואָס איז מיט אים צונויפֿגעפּאָרט,
און אָפֿטמאָל אויך דער טיפֿער זין,
ווען וואָרט צו וואָרט זאָגט פּתח שין,
צי גאָר ווען ווערטער אין אַ ליד
צעשפּילן זיך און ווילן ניט
די לאַסט פֿון זין וואָס אָנגעטרויט
האָט זיי דער דיכטער אין זײַן נויט,
ווי אַט זיי האָבן איצט, בײַם ברעג,
אויך מיך אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג.

און כאָטש איך בין שוין צוגעוואוינט,
איך ווער דערפֿון נאָך אַלץ דערשטוינט,
און קוק דעריבער אָפֿט אַרויס
אויף אַט דעם ווילדן וואָרט־צעברויז;
ווײַל אין דעם ווערטער־שפּיל קאַפּריז
אַ טיפֿער מיין באַהאַלטן איז,
און סוף־כּל־סוף דערהער איך אים
אין זייער שפּילעוודיקער שטים,
און לאָז זיך גיין, געפֿירט פֿון זיי,
צום שטורעמדיקן טײַך פֿון ווײ,
און ווי איך קום צום ברעג פֿון טײַך,
זיי ווערן מיר אַ בריק צו אײַך.

יאַנואַר־פֿעברואַר, 1959

דער צעשטראַלטער צווילינג

פֿאַראַנען שטילע אויסטערלישע גראַמען,
וואָס מען הערט זיי ניט,
זיי קומען צי דער דיכטער וויל זיי
אָדער ער באַגערט זיי ניט,
און צעחושן אים, פֿאַר'שיכור'ן
זײַן האַרץ און זײַן פֿאַרשטאַנד,
ווי פֿרייד פֿון לאַכנדיקע פֿינגער,
ווען עס דריקט אַ האַנט אַ האַנט.

און באַלד זיי שלײַכן זיך אַרײַן אין אויער
גרינג ווי פֿליגעלעך,
צעזשומען זיך, צעברומען זיך,
צעמעקען זיך ווי ציגעלעך,
און איידער וואָס, צעוועקן זיי אין אים
אַ משל פֿאַר זײַן הײַנט,
און ער פֿאַרגעסט די גוטע עצות
פֿון די וואויל-געניייגטסטע פֿרײַנט

ער נעמט דעם משל מאָלן מיט די ווערטער,
די געזאַנגענסטע,
צעשפּילט אים און ער קליידט אים אָן
מיט סודות, די פֿאַרהאַנגענסטע,
און אויב איר הערט אַרויס פֿון זײַנע רייד
אויך אײַערן אַ מיין,
איז דאָס דערפֿאַר וואָס ווען ער זינגט,
ער זינגט ניט נאָר פֿאַר זיך אַליין.

נאָר גיכער, זײַנען אָט־די שטילע גראַמען,
וואָס צעשפּילן אים,
די אומגעריכטע אויסטערלישע פֿאַרבן,
וואָס באַברילן אים —
שליחים וואָס פֿאַרבענקטע שווערע הערצער
האָבן אים געשיקט,
אויפֿגעוועקט אין אים אַ שמייכל
און אַ טרער אין אים דערשטיקט.

ווײַל דער משל און דער נמשל,
וואָס זיי צינדן־אָן אין אים,
די אַלטע און די נײַ־צעשפּילטע רייד,
וואָס זיי דערמאָנען אים,
זיי זײַנען דער צעשטראַלטער צווילינג,
דאָס בשותּפֿות׳ע געשטאַלט,
פֿון דעם ציטער וואָס דער דרויסן
ברענגט אַרײַן אין דיכטערס וואַלד.

יאַנואַר־פֿעברואַר, 1962

דער סוף פֿון דער מעשׂה

אליעזר גרינבערגן

דער ווינט מישט די בלעטער פֿון ספֿר,
ער מישט און ער זוכט און ער שנאַפּט
דעם סוף פֿון אַ מעשׂה וואָס האָט אים
זײַן ווינטיקן אָטעם פֿאַרכאַפּט.

נאָר וויפֿל ער מישט ניט די בלעטער,
דער סוף פֿון דער מעשׂה דאָרט פֿעלט,
ווי ס׳וואָלט זיך די האַנט פֿון דעם שרײַבער
אין מיטן דערין אָפּגעשטעלט.

נאָר פּלוצעם עס גיט אים אַן אפּשר
אַ ברי און ער פֿרעגט מיט געוויין:
„און אפשר גאָר איז ער אין מיטן
אַוועק אין דעם ווײַטן אַליין?"

דער ווינט לאָזט אַרונטער די פֿליגל
און ברומט אַ פֿאַרטרויעריקט ליד:
„איך וועל שוין דעם סוף מער ניט וויסן,
ווײַל פֿליִען אַהין קען איך ניט."

„פֿאַרוואָר, ווינט," עס טרייסט אים אַ בת־קול,
„גיי ווידער צום אָנהייב און זוך —
דער סוף פֿון אַ מעשׂה געפֿינט זיך
אויך שטענדיק אין אָנהייב פֿון בוך."

דער ווינט אָבער לאָזט זיך ניט טרייסטן:
„איך קען ניט פֿאַרשטיין דײַן געבאָט —
ווי קען איך אַרײַן מיט די פֿליגל
אין שטיינערנעם באַרג פֿון אַ סוד?

„און... ווייסט דען דעם סוף בײַ דעם אָנהייב
אַפֿילו דער שרײַבער אַליין?
עס פּירט אים דען ניט אין זײַן פֿליִען,
ווי מיך, אַ פֿאַרהוילענער מיין?

„איז ווי קען איך וויסן, באַנעמען
די עצה וואָס איז אַזוי קאַרג?
ווי קען איך מיט זײַדענע פֿליגל
אַרײַן אין דעם האַרץ פֿון אַ באַרג?"

•

דאָס קול האָט אים ווידער גערופֿן,
געזאָגט אַז פֿאַר פֿליגל פֿון שיר,
וואָס לאָזן זיך פֿליִען אָן מורא,
אַפֿילו אַ באַרג האָט אַ טיר.

דעם דאָזיקן רוף אָבער האָט שוין
דער זײַדענער ווינט ניט געהערט:
ווײַזט אויס, אַז די עצה פֿון הימל
פֿאַרשטיין קען נאָר דער וואָס איז ווערט.

פעברואַר־יולי, 1962

דאָס אויג און דאָס ליד

II

מײַן דור איז מײַן שותף

דאָס אויג און דאָס ליד

צייכענונג פֿון יצחק פֿרידלענדער

דאָס אויג און דאָס ליד

דאָס אויג דערציילט וואָס דאָס האַרץ מיינט
(פאָלקס־ווערטל)

(מיסטעריע מיט פיר סימנים)

סימן איינס: דער גאַסט

וועגן איך האָב אין רויש פֿון די נייַעם פֿון טאָג
געבענקט נאָך אַן אינדזל פֿון שלום,
ער איז, אויף די ליפּן מיט עפּעס אַ זאָג,
אַריַין ווי אין מיטן אַ חלום.

איך האָב זייַנע רייד ניט געכאַפּט אַקוראַט,
אין קאָך פֿון מאַשינען און ליאַרעם,
פֿון קול אָבער, ווי פֿון אַ זוניקן בלאַט,
אין האַרץ איז געוואָרן מיר וואַרעם.

דאָס קול האָט געהאַט אַזאַ היימישן הילך
פֿון שטעטל וואָס לעבט אין זכרון
מיט רעטשענע לאַטקעס און קאַשע מיט מילך
מיט וואָך און מיט יום־טוב פֿון יאָרן,

ווען איך בין געזעסן אין חדר פֿאַרטיפֿט,
געלערנט וידבר, ויאמר,
געלאָפֿן אַהיים, מיט חברים געשטיפֿט
אין געסלעך פֿון סוחרים און טרוימער.

עס האָבן די קלאַנגען פֿון שטעטלס אַמאָל
דעם רויש פֿון די נייַעם פֿאַרשלונגען,
און איבער מיר האָט זיך געטראָגן דאָס קול
פֿון שטעטלשע מייַלער און צונגען.

עס האָט זיך געשטעלט אַרום מיר אַ יאָריד,
עס האָבן געשפּילט קאַטערינקעס,
אַ וועלט אַ פאַרגעסענע האָט זיך צעגליט,
ווי זי וואָלט אַרויס פון אַ פּנקס.

נאָר דאָ האָט פון עולם צו מיר צוגעשפּאַנט
דער גאַסט און מיר איבערגעשלאָגן,
ער האָט מיר באַדייטיק געגעבן די האַנט
און ווידער געוואָלט עפּעס זאָגן.

איך האָב אים באַטראַכט און געפּרוּווט מיט מײַן בריל
דעם נעפּל פון יאָרן פאַרברענען,
נאָר ער האָט אַרונטערגעקוקט אויפן דיל
און האָט ניט געלאָזט זיך דערקענען.

און ווען כ'האָב פאַרבעטן אים זיצן בײַם טיש,
ער האָט מיר מיט פינגער מיט דאָרע
אַ גלעזערן אויג, ווי דאָס אויג פון אַ פיש,
אַנידערגעלייגט מיט אַ וואָרע.

סימן צוויי: דאָס אויג

— דו זעעסט אָט דאָס אויג, — האָט ער ווייך מיר געזאָגט
און האָט עס מיט ליבשאַפט באַוווּנדערט,
— באַהאַלטן אין דעם איז דײַן שטעטל וואָס טאָגט
שוין העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט.

— איך האָב עס געבראַכט, — האָט ער ווײַטער גערעדט,
— אײַך ביידן אַ נחת צו שענקען,
ווײַל פּונקט ווי דו בענקסט נאָך דעם שטעטל, פּאָעט,
דאָס שטעטל נאָך דיר טוט אויך בענקען.

— און ווען דו פאַרטראַכטסט זיך אַמאָל און דערזעסט:
אַ שאָפע פאַרמאַכט אויף אַ שלעסל;
אַ חבר וואָס יאָגט זיך מיט דיר אין פאַרמעסט;
אַ ביימל וואָס וואַקסט אויף דײַן געסל;

— דעם סדר ווען האָסט זיך דערוואַרט און געזען
ווי ליאַנעווע רירט־אָן זײַן בעכער,[1]
און דו ביסט אין זיבעטן הימל געווען
און אפשר . . . און אפשר נאָך העכער;

— דעם ערשטן פרימאָרגן ווען דו ביסט אַרײַן
אין פרדס פון אות אין דעם סידור,
און אויפגעשטראַלט האָט דאָרט די אַלף־בית שײַן,
וואָס ליכטיקט בײַ דיר אין די לידער;

— דעם מזרח וואָס לויכט אויף אַ וואַנט אין דײַן הויז;
די מיידלעך וואָס טרעפסט בײַ דעם ברונעם;
די הייסע חסידים אין סטאָלינער קלויז,
וואָס זינגען ר' אהרנס ניגונים;[2]

---

1) ליאַנעווע איז דער פאָלקסטימלעכער נאָמען פון אליהו הנביא.
2) ר' אהרן קאַרלינער ז"ל, וואָס זײַן ציון געפינט זיך אין מײַן געבורטס־שטעטל מלינאָוו, לעבן דובנע, וואָלין.

— די שוסטערס און שניידערס און אַנדערע לײַט,
וואָס שפּאַסן און שפּילן מיט ווערטלעך,
וואָס זינגען און וויינען און לאַכן פֿאַרשײַט
און זײַנען אַמאָל גיפֿטיק, אַמאָל צערטלעך;

— דעם בדחן וואָס כּישופֿט מיט גראַמען אַ ליד
אויף חתונות רײַכע און אָרעם,
די וואַרעמע טרער פֿון אַ פֿריילעכס וואָס גליט
אין שפּיל פֿון פֿאַרטיפֿטע קלעזמאָרים;

— מלמדים און לערערס וואָס האָבן דיר אָפֿט
געעפֿנט פֿאַרשלאָסענע טירן,
געגעבן דיר שליסלען און האָבן געהאָפֿט
צו ווײַטערע וווּנדער דיך פֿירן;

— דעם וואַלד און די פֿעלדער וואָס האָבן גערעדט,
דעם טײַך וואָס האָט אויך ניט געשוויגן,
געגעבן דיר צידה לדרך, פּאָעט,
געשענקט דיר אויף שפּעטער אַ ניגון;

— און אַנדערע ערטער און ווערטער אַ סך,
וואָס קומען דיר שטענדיק צו חלום,
און זעסט זיי אַפֿילו, אָפֿט, אויך אויף דער וואָך
און שפּיגלסט זיי אָפּ אין משלים;

— זײַ װיסן, מײַן ליבער, געדענק און פֿאַרשטײ, —
געזאָגט האָט דער גאַסט אַ צעשטראַלטער,
— זײ גײען דיר נאָך, װײַל ביסט אײנער פֿון זײ,
און זײ זײַנען דײַנע געשטאַלטער.

— נאָר זינט ס׳האָט פֿאַרטיליקט דאָס שטעטל דער רעש
(װי דו האָסט אין נײַעם באַשריבן),
זײ האָבן, װי אותיות פֿליִען פֿון אַש,
אָט דאָ אין דעם אויג זיך פֿאַרקליבן.

— איך האָב עס געפֿונען, װען איך בין געװען
דער פּליט דער לעצטער פֿון שטעטל
און האָב עס בײַם שײַן פֿון לבנה געזען
זיך שיפֿן אין טײַך אויף אַ בלעטל.

— און דעמאָלט איך האָב עס באַהאַלטן אין טאַש
מיט אַנדערע זאַכן אינאײנעם,
װאָס איך האָב געראַטעװעט דאָרט פֿון דעם אַש
פֿאַר דײַנע חברים און שכנים.

— און איצטער איך װאַנדער אַרום און איך צײל
און זוך אײַך, די רעשטן פֿון שטעטל,
און גיב אָפּ מיט שׂמחה צו יעדן זײַן טײל,
װאָס כ׳האָב דאָ בײַ מיר אויפֿן צעטל.

סימן דריי: דאָס ליד

אַזוי האָט ער ווײַטער דערציילט און גערעדט,
און איך האָב געהערט און געשוויגן,
זײַן וואָרט האָט די אויערן מײַנע געגלעט,
זײַן קול האָט געוויגט ווי אַ ניגון.

איך האָב אים געהערט און די אויגן פֿאַרמאַכט
און בין צו מײַן אינדזל געשוווּמען
אויף כוואַליעס פֿון רו, און מיר האָט זיך געדאַכט —
דאָס אויג איז מיר אויך נאָכגעשוווּמען.

געווען איז דער אינדזל פֿאַרטונקען אין גרין,
זײַן הימל פֿאַרטאָגיק באַשטערנט,
און כ׳האָב בײַ דעם ליכט פֿון אַ נײַעם באַגין
אַ ליד בײַ די שטערן געלערנט.

דאָס שטראַליקע ליד האָט גערעדט אויף אַ שפּראַך,
נאָך קיינמאָל אַ־דאָ נישט־געהערטער,
און ווען איך בין ווידער אַרויס אויף דער וואָך,
כ׳האָב זוכן גענומען די ווערטער.

סימן פֿיר: ווער?

און ער? ווילט איר וויסן, מײַן טײַערער גאַסט,
דער ייִד מיט דעם אויג פֿון דעם שטעטל?
ער איז מער ניט געווען, האָט מסתּמא געשפּאַסט,
און אפֿשר געווען גאָר אַ שרעטל.

אָקטאָבער, 1958

---

* די פּאָעמע האָב איך אָנגעשריבן נאָך אַ טשיקאַווער באַגעגעניש מיט אַ „לאַנדסמאַן" פֿון מײַן שטעטל, וואָס איז צו מיר געקומען אין דער רעדאַקציע פֿון דער „אידישער טעלעגראַפֿן אַגענטור" (איט"אַ).

דער לעצטער בוים

(באַלאַדע אין זעקס בילדער)

בילד איינס: אַליין

אַרומגעקוקט האָט זיך דער בוים אין איינעם אַ פֿרימאָרגן
און ס'איז די תּפֿילה אין זײַן האַרץ געבליבן ווי דערוואָרגן,
ווײַל דאָס וואָס ער האָט דאַן דערזען, געווען איז אַזוי פֿרעמד,
אַז ער האָט לאַנג דעם טײַטש דערפֿון באַנעמען ניט געקענט.

געשטאַנען אַרום אים איז דאָרט נאָך אַלץ אַ וואַלד מיטביימער,
נאָר זייער אויסזען איז געווען אַ גרויער און געהיימער,
פֿאַרשטאַנען האָט ער ניט דעם שאָרך פֿון זייער פֿרעמדער שטים
און טיף געשפּירט דערבײַ אַז זיי פֿאַרשטייען אויך ניט אים.

די גרויזאַמע אַליינִיקייט האָט אים אַזוי צעציטערט
ווי ס'וואָלט אין אים אַ קלין אַרײַן און אים דאָס האַרץ צעשפּליטערט,
ער האָט זיך אָבער ניט גערירט, געשטיקט זיך מיט געוויין,
ווײַל פֿרעמדע וועלן סײַ ווי סײַ זײַן עלנט ניט פֿאַרשטיין.

בילד צוויי: יאוש

צום ערשטן מאָל אין לעבסטאָג זײַנעם האָט ער איצט מיט קנאה
באַטראַכט די פֿליגעלעך אין גראָז, די ווימלענישן גרינע,
וואָס קענען זיך באַוועגן פֿרײַ און טאָן וואָס זיי געפֿעלט,
געטראַכט: ווױ גנעמט מען פֿיס ווי זיי, צו לויפֿן אין דער וועלט.

— ווו זײַנען זיי, די אייגענע, די אַלע ביימער מײַנע,
וואָס זײַנען דאָ מיט מיר געווען? — געטראַכט האָט ער אַ טענה.
— מיר האָבן דאָך אינאיינעם דאָ אַ גרינע וועלט געבוימט
און ס'האָט דער הימל איבער אונדז אַ בלויער מיטגעטרוימט.

— און אפשר, — איז אים איינגעפאלן, — זיינען די ארום מיר
פארכישופטע געשטאלטן גאר, פארגעסענע פון זומער?
צי אפשר בין איך גאר אליין, ווער ווייסט, פארבלענדט אצינד
און אפגעפארבט די אויגן מיינע האט א גרויער ווינט?

אזוי האט ער א גאנצן טאג גע'אפשר'ט צו געפינען
אן ענטפער אויף דעם רעטעניש וואס האט געפלאגט זיין זינען,
ביז צוגעפאלן איז די נאכט און האט אים איינגעהילט
און אין דעם שארך פון זיין געצוויי א חלום אויפגעשפילט.

בילד דריי: קאשמאר

אין ביזן חלום האט דער בוים (געווען איז ער א צעדער)
זיך אויפגעהויבן פון זיין ארט א גרינגער ווי א פעדער,
דערנאך האט ער מיט פעסטע טריט גענומען שפאנען דרייסט,
כאטש ניט געוווּסט און ניט געטראכט האט ער וווּהין ער שפרייזט.

געגאנגען איבער בערג איז ער, געגאנגען איבער טאלן,
געשוועבט אויך איבער וואסערן פון ימים אנגעשוואלן,
און אומעטום האט ער געזען אן אנדער שוידער-בילד
פון זיינע ביימער אייגענע פארשטומטע און פארשטילט.

געזען ווי פינגער רייסן ווילד די נאדלען פון די ביימער,
וואס בלייבן הויל און קיין שום קולות הערט מען ניט פון זיי מער;
און אנדערע האט ער געזען — געבויגן צו דער ערד —
אין שווייגעניש ווייל ס'האט א האק צו ריידן זיי פארווערט.

און נאָך און נאָך האָט ער געזען: מיט אָפּגעהאַקטע צווייַגן
עס שטייען שטאַמען נאַקעטע, פֿאַרשטיינערטע אין שווייַגן
אַ שטילקייט וואָס איז קאַלט און טויט ווי אַ פֿאַרפֿרוירן קול,
וואָס האָט פֿאַרגעסן שוין פֿון לאַנג — עס האָט גערעדט אַמאָל.

ער האָט געשפּאַנט דורך גאַנצע בערג פֿון נאָדלען און פֿון בלעטער,
ער האָט דערקענט פֿוןביימער פֿיל די קלעצער און די ברעטער,
און אין אַ טאָל פֿון שאָטן־טויט האָט ער דערזען אַ פּלאַץ,
וואָס האָט געשוועבט און האָט געברענט די ביימער פֿון זייַן שטאַם.

און פֿון דעם אַש האָט ער געהערט אַ מורמלעניש, אַ יאָמער —
עס האָט געוויינט אַ וואַלד וואָס איז געווען און איז ניטאָ מער;
און ווען דאָס וויינענדיקע אַש האָט זיך אין בוים צעוויינט,
ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און איז געבליבן ווי פֿאַרשטיינט.

בילד: פֿיר: געבעט

נאָר אינעווייניק האָט דורך אים געריזלט אַ דערקענונג,
אַז ער איז שוין דער לעצטער פֿון דער גרויסער בוים־פֿאַרברענונג,
און אַז אין אים איז אָנגעהויפּט דאָס גאַנצע אַש פֿון וואַלד,
וואָס ברענט נאָך און וואָס וויינט אין אים און שרייַט נאָך אַלץ געוואַלד.

און ווען אַ סטייַע פֿייגל האָט אויף אים גענומען זינגען,
גערופֿן האָט ער צו דער ערד זי זאָל אים טיף פֿאַרשלינגען.
— ווי קען איך הערן זייער ליד, ווען איך בין אין געוויין?
אַ צי אַרייַן מיך, ערד, אין זיך, דעם לעצטן בוים אַליין.

ער האָט געשיקט אויך אַ געבעט צום הימל מיט אַ טענה:
— באַפעל דעם ווינט און רײַס מיך אויס ווי אַלע ביימער מײַנע;
פאַר שטאַרביקע צו זײַן אַליין איז ביטערניש און שפּאָט,
אַן אייניקער און איין־אַליין — אַזוי קען זײַן נאָר גאָט.

בילד פינף: צוויי וועלדער

נאָר ניט די ערד און ניט דער הימל האָבן אים פאַרנומען...
און פּלוצעם איז די גאַנצע וועלט פון אים אַוועקגעשווומען...
אומענדלעכע אַליינשאַפט האָט פאַרשפּאַרט אים אין אַ שטײַג...
און דאַן פון וואָרצל האָט אַ קול געמורמלט צום געצווײַג.

דאָס קול האָט אויסגעגלײַכט די צווײַגן, זיי אַרויפגעבויגן,
ווען פון דער טיף אַרויף־אַרויף האָט זיך אַ וואָרט געצויגן:
— געוועזן ביסטו אַמאָל אַליין דער ערשטער פון אַ דור,
און איצטער מוזטו ווידער זײַן אַליין אַ גאַנצער כאָר.

צוויי וועלדער טראָגסטו איצט אין זיך, וואָס טוען אין דיר ברומען,
אַ וואַלד פון אַש און אויך אַ וואַלד, וואָס וויל און וועט נאָך קומען.
דערווײַלע אָבער מוזטו זײַן דער גאַנצער וואַלד אַליין,
דײַן תּפיסה־צײַט פון אייניקייט — זי וועט אַריבערגיין.

בילד זעקס: בטחון

דאָס קול וואָס האָט גערעדט אין בוים, געוואָרן איז אַנטשוויגן,
נאָר אין די צווײַגן זײַנע האָט געריזלט שטיל אַ ניגון.
דער בוים האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ — אַן אָדלער גרייט צום פלי
און אָנגעהויבן וואַרטן אויף אַ נײַעם אינדערפרי.

די נסיעה

פון אַ טאָג־יאַריד, אַ מידער, מיט אַ פערד־און־וואָגן,
פאָרט אַ ייִד אַהיים אַצינדער און ער איז פאַרטראָגן,
שוועבט אין עולמות עליונים, רעכנט, איז פאַרטראַכט,
ברומט אַרייַן אַ ניגון אין דעם אויער פון דער נאַכט.

הערט זיך צו דער בעל־עגלה צו דעם ייִדנס ברומען,
וויל פאַרשטיין, נאָר קען נישט, אָבער פון געזאַנג דעם שטומען
ווערט אים גרינגער אויפן הארצן און ער פילט ער פליט,
און אַפילו אויך דאָס פערדל לויפט צום טאַקט פון ליד.

ברומט דער ייִד אַזוי דעם חשבון פון דעם טאָגס ענינים
און עס קומט אים פאַר די אויגן אָפּט אַן אַנדער פּנים
פון חברים, וואָס באַגעגנט האָט ער דורך דעם טאָג
און מיט זיי געטיילט דעם תּענוג פון אַ שאַרפן זאָג.

אַיַ, ווי גיך עס איז אַריבער און ווי שנעל פאַרשווונדן!
טראַכט דער ייִד פון גאַנצן טאָגס פאַרפלויגענע סעקונדן,
וואָס געוואָרן זיַינען שטערן — פינטעלעך פון צייַט,
און זיי פינקלען איצט אין הימל — קאַלט אַזוי און וויַיט.

אין דעם חשבון ברומען אויך די ביטערע פאַרלוסטן,
וואָס עס האָבן אים געמאַכט אין האַרץ אַן אָרט אַ פּוסטן
די אבדות פון חברים — פאַר דער צייַט אַוועק —
און געלאָזן אים אַן עדות פון די ערשטע טעג.

נאָר דער לענגסטער טייל פֿון ניגון, וואָס די נאַכט טוט הערן,
איז אַן אומעטיקע מעשׂה פֿון דערשטיקטע טרערן,
ווען ער איז אַרומגעגאַנגען אויפֿן מאַרק אַליין
און ס'האָט קיינער ניט געהערט אים, ניט געקענט פֿאַרשטיין.

„נאַכט! דו ווייסט דעם טעם דערפֿון!" צעיאָמערט זיך דער ניגון.
„ווען עס פֿעלט דיר אויס דער פֿונק, דער גלי פֿון פֿײַערפֿליגן,
זייער ברען — צעליכטיקט ווי אַ גליִענדיקע טרער —
אָנצוצינדן דײַן געזאַנג, דערציילן דײַן באַגער".

פֿון דעם ייִדנס אויסגעשריי דערפֿילט די נאַכט אַ ציטער
און דער בעל־עגלה ווערט אינגאַנצן אַ צעגליטער,
ער דערשפּירט אַז זײַן פֿאַרשווין מיט דער צעברומטער שטים
וויינט אויך אויס די בענקעניש, וואָס וויינט און ברומט אין אים.

אויסגעלײַטערט פֿון געוויין, דער ייִד צעברומט זיך ווײַטער
פֿון געשעעגישן ליבע מיט אַ פֿרייד באַנײַטער,
וואָס דער טאָג האָט אים באַשערט און פֿאַר זײַן לייד באַלוינט —
מיט חידושים אים געטרייסט, מיט ניסים אים דערשטוינט.

ס'איז נישט אַנדערש, טראַכט דער ייִד און גליט ווי אין אַ פֿײַער,
אַז געוואַכט האָט איבער אים דער נביא דער געטרײַער,
אליהו, וואָס האָט אים באַלייט אויף דעם יאַריד
אײַנצוהאַנדלען דאָרט דעם חידוש פֿון זײַן ייִדיש ליד.

אין דעם הימל קומט דערווייל אַרויס דער מאָרגנשטערן,
באַלד עס וועט דער אויער פֿון דער נאַכט פֿאַרשלאָסן ווערן,
און די נאַכט אַליין, זי וועט פֿאַרשווינדן אַזוי לינד,
ווי אַ טרער וואָס טריקנט אויס אין שמייכל פֿון אַ קינד.

נאָר דער חשבון פֿון יאַריד איז אַלץ נאָך נישט געענדיקט,
פֿון די בערג עס קוקט אַרויס אַ נייַער טאָג צעבלענדיקט
מיטן פֿייַער וואָס טוט היילן מיט זייַן ליכט און ברי
און הייבט-אויף פֿון שטויב דאָס האַרץ וואָס רייַסט זיך אַלץ צום פֿלי.

די נסיעה ציט זיך ווייַטער, לייַטערט די נשמה
ווי עס האָט דער קאָצקער ז״ל אמאָל אין זייַן מלחמה...
ווערן טאָר דער יום-טוב פֿלאַקער קיינמאָל נישט פֿאַרוואַכט:
„דער וואָס מיינט ער איז שוין פֿאַרטיק, דער איז אָפּגעקאַכט״.

יוני-סעפּטעמבער, 1959

מײַן דור איז מײַן שותּף

מײַן דור איז מײַן שותּף,
מיר זײַנען פֿאַר׳איד׳ט,
ער שרײַבט און ער טוט־אויף
מיט מיר מײַן געדיכט.

איך הער זײַן געוויין און
די שטים פֿון זײַן פֿרייד
און טו זיי פֿאַראייניקן
אין וווּנדער פֿון רייד.

און ווען עס וועט קומען
דער אָוונט אַמאָל,
וועט לאַנג נאָך דאָ ברומען
דאָס ליד אין דעם טאָל.

נאָר וועט מען דען הערן,
וועט ווער דען פֿאַרשטיין,
די פֿרייד און די טרערן
פֿון אונדזער געבײן?

דער אורים ותּומים
דערציילט שוין די שעה
פֿון דור וואָס אַרום אים
איז קיינער נישטאָ,

פֿון דור וואָס האָט פּלוצעם
אין מיטן זײַן שפּאַן
דערזען אַז אַחוץ אים
איז קיינער פֿאַראַן.

סעפּטעמבער, 1958

דער גראַם פֿון צוויי וועלטן

ווען איבערגעריסן וועט ווערן זײַן קול,
ווײַל אָפּשטעלן וועט זיך דאָס האַרץ מיטאַמאָל,
צי וועט ער מיט טויבקייט אויך ווערן געשלאָגן,
ניט רעדן, ניט הערן וואָס אַנדערע זאָגן?
און וועלן די אויגן וואָס זײַנען פֿאַרמאַכט
אים לאָזן אַליין אין אַ וואָלקן פֿון נאַכט,
אָן פֿרייד און געלעכטער, אָן ווײ און אָן טרערן,
אָן זון און לבנה, אָן הימל און שטערן?

צי אפֿשר וועט ווײַטער, ניט־דאָאיִק און יונג,
מיט קלאַנגען צעשטראַלטע נאָך רעדן די צונג,
און הערן וועט ער, ווי פֿון שלאָף אַ צעוועקטער,
דעם פֿלאַמיקן גראַם פֿון אַ וועלט אָן אַנטפּלעקטער,
און זען מיט די אויגן, צעשפּיגלט פֿון פֿרייד,
אַ הימל אַ נײַעם אַזאַ אויסגעשפּרייט,
פֿון וועלכן ער וועט ניט־געדאַכטע חידושים
פֿאַרנעמען מיט נײַע ניט־דאָאיִקע הושים?

עס קען דאָך ניט זײַן אַז די חכמה פֿון אַל
איז נאָר אַ געמאָסטענער אָרעמער שטראַל,
וואָס גיט בלויז אַ בליץ און ווערט תּיכּף פֿאַרלאָשן.
עס מוז אין דעם אוצר פֿון הימלשן לשון
דאָך זײַן אַזאַ ליכט וואָס דערגאַנצט אים זײַן פּלאַם,
אָט פּונקט ווי אין ערדישן לשון אַ גראַם
(וואָס זאָגט־אָן באַצײַטנס אַ ליכטיקע בשׂורה)
דערגאַנצט מיט זײַן ווידער דאָס קול פֿון אַ שורה.

אַפּריל, 1961

דער רויש פֿון די בלעטער

— איר הערט ? — האָט אַ ייִד מיט שטים אַ פֿאַרבענקטער,
שוין ווײַט אין די יאָרן פֿון עלטער געשענקטער,
מיך פּלוצעם געפֿרעגט, ווען מיר האָבן געשוויגן,
זיך אײַנגעהערט טיף אין דעם האַרבסטיקן ניגון
פֿון איינציקע בלעטער, פֿאַרטריקנט און קאַלט,
וואָס האָבן געשאָרכט אויף די ביימער אין וואַלד.

—געוואַלד, פּאַניע כּץ! ס'איז דאָך ממש צום שטוינען.
אָט זיצן מירביידע משיקאָווע פֿאַרשווינען
און הערן זיך אײַן אין דעם רויש פֿון די בלעטער, —
האָט ווײַטער צעחושט און פֿאַרחידושט גערעדט ער.
— וואָס זוכן מיר ביידע, וואָס לאָקט אונדז דער קלאַנג ?
וואָס לאָזט עס אונדז הערן, דאָס שטומע געזאַנג ?

דער ייִד איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן,
ווי ער וואָלט געוואַנדערט אין ווײַטן זכּרון.
געקומען צוריק מיט דערמאָנונגען בלויע
ער איז, ווען עס האָבן צוויי פֿייגעלעך גרויע,
אַן ער מיט אַ זי, לעבן אונדז זיך געשפּילט,
אין הויפֿנס פֿון בלעטער דעם הונגער געשטילט.

— איר שווײַגט! — האָט ער שטיל אָבער שטרענג ווי אַ ריכטער
מיר ווידער געזאָגט. — אײַ, די הײַנטיקע דיכטער,
וואָס זינגען אַן גראַמען, מיט שורות צעבליצטע,
און גראַמען זיי יאָ, איז מיט ווערטער פֿאַרשפּיצטע;
נאָר ערגער נאָך איז זייער אָפֿטער פֿאַרלאַנג:
פֿון שווײַגיקע ווערטער צו מאַכן געזאַנג.

— איר זעט אָט די צוויי? — האָט ער ווײַטער געצויגן,
ווי ער וואָלט די ווערטער געמאָסטן, געוואויגן,
— זיי הייבן ערשט אָן, און אין רויש פון די בלעטער
זיי הערן אַ בשורה, אַ גרינע, פֿון שפּעטער.
פֿאַר אונדז אָבער האָט ער אַן אַנדערן מיין,
ווײַל ער איז אַן עבֿאָ פֿון אונדזער געוויין.

דער אוי פֿון באַדויער

פֿאַרוואָס איז עס דווקא געשען פּונקט אַזוי?

עס צאַנקט אין דער פֿראַגע אַ שטענדיקער אוי,
אַזוי ווי דער קנויט אין דעם לאָמפּ פֿון אַן אָבל.

ער וויינט און ער מאָנט, ווי די שריפֿט אויף אַ טאָוול —
ווי ס'טענה'ט און מאָנט מיט זײַן שטיינערנעם כּתב
דער קורצער סך־הכּל פֿון אַן עפּיטאַף.

פֿון זיך אַליין וויינט ער, דער אוי פֿון באַדויער,
אַפֿילו ווען הערן אים הערט נישט קיין אויער;
ער רײַסט זיך פֿון הארצן אַרויס און ער רעדט
ווי ליד פֿון אַ פֿויגל, ווי ס'זינגט אַ פּאָעט.

נישטאָ אַזאַ כּוח, וואָס קען אים פֿאַרהאַלטן,
נישט לאָזן אים רעדן — דעם אוי פֿאַרבאַגאַלטן
דורך יאָרן פֿון פּײַן זינגט דעם אָנהייב פֿון צײַט —
ווײַל ווײ ווערט מיט ערשטיקער שאַרפֿקייט באַנײַט
אין יעדן באַזונדער וואָס לײַדט אַן אבידה.

ס'ווערט קיינעם נישט גרינגער דערפֿון אויב זײַן ויידע
איז אויך שוין געווען אויף דעם זעלביקן וועג
און אויך נישט געטראָפֿן צום ריכטיקן ברעג,
וואָס ער האָט געוואָלט און געהאָפֿט צו דערגרייכן,
ווען ער האָט געמיינט אַז מען ווײַזט אים אַ צייכן,
געמיינט אַז ער גייט אויף אַן אײַזערנער בריק.

דער אוי פֿון באַדויער קוקט שטענדיק צוריק,
כאָטש וויסן ער ווייסט אַז ער וועט דאָרט דעם טעות
נישט קענען דערבליקן, און אויך אַז נישטאָ איז
קיין נעץ אויף צו כאַפּן פֿאַרפֿלויגענע טעג,
ער וויל אָבער אַלץ דורך דעם דיקן פֿאַרדעק
דעם אָנזאָג פֿון ערשטן פֿרימאָרגן דערהערן
און ווידער דערזען זײַן אַמאָליקן שטערן.

סעפטעמבער, 1963

אַן אַלטער פּאָרטרעט

אויף אַ וואַנט אין מוזיי האָט אַן אַלטער פּאָרטרעט
נאָך יאָרן פֿון שווײַגן זיך פּלוצעם צערעדט,
ווען ס׳האָט אים אַ ווארעמער בליק אָנגערירט
און ער האָט אַמאָליקע יונגשאַפֿט דערשפּירט.

רעדט דער פּאָרטרעט און דערציילט אויף דער וואַנט:
עס האָט מיך אויף לײַוונט פֿאַרשפּיגלט אַ האַנט,
דעם פּינזל געטונקען אין פֿאַרביקע קוואַלן,
דערנאָך אים געשיקט ווי מיט גליִאיקע שטראַלן
צום ליידיקן לײַוונט, מיט גרינגן באַריר,
מיט פֿלעקן און פּיצלעך געשטאַלטונג פֿון מיר.

איך קוק פֿון דער ראַם אויף אַ ווילד־פרעמדער וועלט
און אַלץ וואָס איך זע, איז מיט נעפּל פֿאַרשטעלט,
נישטאָ איז די האַנט מער, וואָס האָט מיך געפֿורעמט,
נישטאָ אויך דער מענטש, וועמעס האַרץ האָט געשטורעמט,
ווען ער האָט געברעקלט, געשטרײַפֿט מײַן געזיכט
און האָט מיך געשטאַלטיקט פֿון שאָטנס און ליכט.

אויך ער וואָס זײַן שמייכל פֿאַרשפּיגלט איז איצט
אָט־דאָ אויפֿן לייוונט — פֿאַררונדיקט, פֿאַרשפּיצט —
איז מער שוין נישטאָ, און איך טו מער נישט הערן,
נישט זען אויך די יענע, וואָס האָבן מיט טרערן
און ווערטער באַוויינט אים ווען ער איז אַוועק,
געקוקט אויף מײַן פּנים, געזוכט זײַנע טעג.

אַ פֿרעמדער בין איך איצט געבליבן, אַליין,
אַ בליץ פֿון אַ רגע וואָס קען נישט פֿאַרגיין,
אַן איינזאַמער העלד פֿון אַ דראַמע אָן ווערטער,
אַ שאָטן־געשטאַלט פֿון אַ וועלט אַ צעשטערטער,
אַ סוד פֿון אַמאָל, אַ פֿאַרנעפּלטע שויב,
אַ פּלוני אַלמוני פֿאַרגעסן אין שטויב.

דער פּלאַם

צום ערשטן יאָרצייט פון יצחק
האָראָוויץ ע״ה, ד׳ ניסן, תשכ״ב

דער פּלאַם אין דער גלאָז פון געדענקשאַפט,
וואָס שטייט אויפן טישל און ברענט,
באַפאַרבט מיט אַ שטראַליקן שמייכל פון בענקשאַפט
די היימישע זאַכן וואָס ער האָט געקענט:

די פייפלעך וואָס ער האָט געשפּילט אויף זיי דוינעס,
די פייגל וואָס ער האָט באַפרייט פון אַ הילצערנער תּפיסה
ווען ער האָט אַ טירל פאַר זיי אויסגעשניצט,
דעם יידישן זייגער וואָס פירט די קוראַנטע חשבונות
פון צייט און איר אייביקן איצט —

פון בלויען באַגינען ביז אָוונט דעם לעצטן,
פון אַלץ וואָס מיט אים איז געשען
זינט ס׳האָט אים דאָס דאַך־אויג,
דאָס אויג פון דער קרעטשמע,
אין דאָרף ביי זיין טאַטן דערזען;

די יאָרן פון טראַכטן, חברים און ליבעס,
וואָס ער האָט געפירט און געשפּילט,
און האָט איבער שטרויכלען און טויזנטער סיבות
דאָס האַרץ ערשט ביים סוף איינגעשטילט.

דער פּלאַם גיט אַ שפּרונג ווי אַ פייערדיק פישל,
פאַרצאַפּלט פון גרויסן פאַרליר,
נאָר מערער פון אַלץ, ווען ער זעט אויפן טישל
די שורות פון זיין ניט־פאַרענדיקטן שיר.

מערץ־אַפּריל, 1962

אַ ליד צו אַ פּשוטן ייד *)

מיר הערן נאָך איצטער זײַן לאַכנדיק קול,
וואָס איז בירושה פֿון ווײַטן אַמאָל
געקומען צו אונדז און אַרײַן אין דעם לשון.
עס גליט אָבער אויך און איז אַלץ נישט פֿאַרלאָשן
דער ברען פֿון דער טרער, וואָס האָט גרוויזאַם געבריט
דאָס שטראַליקע האַרץ פֿון דעם פּשוטן ייִד.

ער האָט מיט זײַן שמייכל די זאָרגן פֿאַרגלעט,
ווען ער האָט געמאָלן פֿון אונדז אַ פּאָרטרעט
מיט פֿאַרבן, וואָס האָבן געלאַכט און דערהויבן.
ער האָט מיט זײַן טרייסט־וואָרט געשײַערט די שויבן
פֿון אונדזערע אָרעמע שטיבער און ווענט
צו ווײַזן דאָס ליכט וואָס האָט דאָרטן געברענט.

געשפּיגלט אין אים האָבן חכמה און פֿרייד
און טיפֿער בטחון אין צײַטן פֿון לייד,
וואָס ער האָט געזען אין די ייִדישע שטיבער.
ווי דוד באַזיגט האָט דעם גת׳יקן גיבור,
אויך ער האָט דעם גלית פֿון אומעט באַזיגט,
מיט שטיינדלעך פֿון חוזק אים איבערגעקליגט.

עס האָבן אַפֿילו די שטערן געלאַכט,
ווען עמך, דורך אים, האָט דאָס מויל אויפֿגעמאַכט
און העכער געטראָגן אַרויף אין דער הייך אים,
נאָר ער איז אַראָפּ און זײַן שלום עליכם,
וואָס מיר האָבן אַלע זײַן ליבשאַפֿט געקענט,
אויף אייביק פֿאַרגלידערט אין אונדזערע הענט.

*) צום 100סטן געבוירנטאָג פֿון שלום עליכם ע״ה, געבוירן כ״ו אדר תרי״ט; נפֿטר י׳ אייר תרע״ו.

אַרײַן איז אין האַרצן צו אונדז אויך זײַן טרער,
נאָר מיר היטן אָפּ איצט זײַן לעצטן באַגער,
ווען פֿונעם יאַריד אויף די אייביקע וועגן
געגאַנגען איז ער ווי אַ זון מיט אַ רעגן,
און האָט אונדז געבעטן ניט טראַכטן דערפֿון,
נאָר שטענדיק דערמאָנען אים נאָר מיט דער זון.

זײַן לאַכנדיק קול איז אין אונדז און עס קוואַלט.
ער שטיפֿט מיט דעם ייִדישן לשון און שטראַלט
און שפּילט זיך אַזוי ווי אַ קונדס, אַ שטיפֿער.
ער טיפֿט זיך אַרײַן אין אונדז טיפֿער און טיפֿער...
אַז וואויל איז צו אונדז וואָס מיר האָבן פֿאַרהיט
די פֿרייד פֿון דעם טײַערן, פּשוטן ייִד.

פֿעברואַר, 1959

מײַן טאַטנס שטיין

אין אָנדענק פֿון מײַן טאַטן
חיים ירוחם בן יעקב הכּהן ע״ה
נפֿטר חמשה־עשׂר באָב, תּשט״ו

פֿון קינדווײַז אָן, אַ לעבן לאַנג,
ער האָט מיט טרערן און געזאַנג
געשלײַפֿט, געפּוצט, געגלעט אַ שטיין,
אים אָנגעקליידט מיט זין און חן,
און אים אַרײַנגעטרוימט אַ סוד —
געזוכט דורך אים דעם וועג צו גאָט.

זײַן גאַנצן כּוח אײַנגעשפּאַנט,
געטראָגן אים פֿון לאַנד צו לאַנד,
געשלעפּט, געפֿאַלן פֿון די פֿיס,
געטראָגן אים, דעם שטיין, וואָס איז
געוואָרן שווערער מיט זכּרון
פֿון אַזוי פֿיל שווערע יאָרן,
וואָס געווען איז אים באַשערט
דעם שטיין צו טראָגן אויף דער ערד.

און דאָך געבליבן אײַנגעשפּאַרט
איז ער און זיך, ווײַזט אויס, דערוואַרט
אויף די מלאכים, וואָס דער הימל
האָט אים צוגעשיקט אין דרימל
צו העלפֿן טראָגן זײַן געשאַנק,
דעם שטיין פֿון צער און פֿון געזאַנג,
וואָס ערשט בײַם שוועל פֿון בית־החיים
ער האָט געבראַכט קיין ירושלים. *)

אויגוסט, 1963

*) מעלים לי אתם אבן זו לירושלים (מדרש שהש״ר, א)

אין בראַצלאַווערס וואַלד

III

ווי ער וואָלט געוועז דעם ברעג פֿון הימל אָנגערירט

אין בראַצלאַווערס וואַלד

צייכענונג פֿון יצחק פֿרידלענדער

אַ מעשׂה מיט זיבן משלים *)

אַ בעטלער דערציילט: ווען געגעכטיקט אַליין
ער האָט אין אַ פֿעלד אויף אַ ריזיקן שטיין,
דער שטיין האָט אין מיטן דער נאַכט זיך צערעדט
מיט ווערטער וואָס האָבן דאָס לײַב אים געגלעט,
דערציילט אים אַ מעשׂה מיט זיבן משלים,
וואָס האָבן געשוועבט אַרום אים ווי אַ חלום.

דער משל דער ערשטער האָט פשוט געזאָגט,
אַז אַלץ וואָס אַ מענטש אין זײַן לעבן פֿאַרמאָגט,
איז גאָרנישט אַנטקעגן דעם גרויסן געשאַנק,
וואָס ווערט אים געגעבן — דאָס שטילע געזאַנג
פֿון פשוטע ווערטער, וואָס טיף אין אים שטענדיקט,
וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און ווערט ניט געענדיקט.

דער צווייטער, אַ משל מיט פֿליגל און לײַב,
גערעדט האָט פֿון תשוקה פֿון מאַן און פֿון ווײַב,
וואָס ווערט פֿון כּאור ביז כּאור נישט געשטילט,
און לאַנג נאָך, נאָכדעם ווי דאָס לײַב האָט פֿאַרשפּילט,
עס פֿליִען די פֿליגל אַליין צו די הייכן
די גליִאיקע תשוקה פֿון לײַב צו דערגרייכן.

דער דריטער געוועזן איז אַ משל פֿון גיין,
פֿון לאָזן זיך וואַנדערן איינער אַליין
און זוכן אַ וועג אויף דעם דאָזיקן גאַנג,
וואָס איז נאָך אַפֿילו ניטאָ אין געדאַנק:
די וווּנדער צו וואָס אַזאַ וועג טוט דערפֿירן,
זיי בלײַבן אויף אייביק שוין ניט צום פֿאַרלירן.

*) צום 150סטן יאָרצײַט פֿון ר' נחמן בראַצלאַווער ז"ל; נפֿטר י"ח תשרי, תקע"א.

אַ משל מיט פֿלאָם איז דער פֿערטער געווען,
געזאָגט מען מוז היטן זײַן שטענדיקן ברען,
וואָס שײלט־אָפּ דעם פֿאַרהאַנג פֿון איטלעכער זאַך
און לאָזט אונדז דערהערן איר אײגענע שפּראַך,
דערזען און דערקענען דאָס פֿלעמל וואָס ליכטיקט
אין אַלץ, און די מינדעסטע זאַכן פֿאַרוויכטיקט.

געווען איז דער פֿינפֿטער אַ משל פֿון שווײַג
אין האַלדז פֿון אַ פֿויגל, וואָס זיצט אין אַ שטײַג
און טראַכט אַזוי לאַנג פֿון אַ בוים און פֿון פֿלי,
אַז אונטער די פֿליגל עס גיט אים אַ ברי,
ער זינגט זיך פֿאַנאַנדער, און יעדער טוט הערן
דעם פֿויגלס געזאַנג — אָבער ניט זײַנע טרערן.

אין זעקסטן, אַ משל פֿון לעבן און טויט,
אַ ריזיקער בוים האָט געברענט ווי אַ קנויט,
און כאָטש ס׳האָט כּסדר געפֿלאַקערט זײַן פֿלאַם,
עס איז ניט פֿאַרמינערט געוואָרן זײַן שטאַם.
געהערט האָט מען אָבער אַזוי ווי אין דרימל
געוויין פֿון דער ערד און געלעכטער פֿון הימל.

דעם זיבעטן משל, דערציילט האָט דער שטיין,
געהערט האָט ער זאָגן דעם רבין אַליין,
ווען ער איז מיט זײַנע חסידים פֿאַרטאָג
געגאַנגען און האָט זיי אויף שטענדיק פֿאַרזאָגט:
געוואַלד, ייִדן, זײַט זיך ניט מייאש,
געוואַלד, ייִדן, זײַט זיך ניט מבייש.

מאַי, 1961

ר׳ נתן דער סופר

מיט ווערטער וואָס גלי̇ען אין נאַכטיקן שוואַרץ,
ער האָט מיט זיין פעדער פון שטערן און האַרץ
פאַרשריבן פאַר אונדז אַ ירושה אויף שטענדיק
די רייד פון דעם רבין, וואָס האָט ניט געענדיקט
דערציילן די מעשיות וואָס ער האָט צעפליגלט
און האָט זיי ביי אים אין מחשבה פאַרשפיגלט.

דער טינט פון זיין פעדער געווען איז די טיף,
דער ים פאַר דעם רבינס צעשטורעמטער שיף,
וואָס האָט זיך געטראָגן, צערוישט און צעצונדן,
געפינען די בת־מלכה וואָס איז פאַרשוווּנדן
און איבערגעלאָזן פאַרוואָלקנט מיט יאָרן
דעם בן־מלך׳ס בענקענדיק האַרץ און זכרון.

זיין פעדער געווען איז דער פליגל וואָס האָט
דעם רבינס דיבורים, פאַרקליידטע מיט סוד,
דערטראָגן צו אונדז אַז עס זאָל אונדז זיין רעיון
אין טאָל פון דעם אָוונט כסדר באַניי̇ען,
אונדז אָנטאָן מיט חידוש אַזוי ווי מיט קליידער
און פירן צו נייע פאַרטאָגן כסדר.

*) ר׳ נתן נעמיראָווער ז״ל, געטרייער תלמיד און סופר פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער ז״ל, האָט אויפגעשריבן און פאַרעפנטלעכט דעם בראַצלאַווערס וועלט־באַרימטע מעשיות און חידושי־תורה. ר׳ נתן איז נפטר געוואָרן עשׂרה בטבת, תר״ה.

פֿאַר אַלע וואָס ליגן אין גרוב פֿון דער נאַכט
ער האָט מיט זײַן פֿעדער אַ לייטער געמאַכט
מיט שטאַפּלען פֿון מעשׂיות, וואָס ברענען און שוועבן
און פֿירן אַרויף צו דעם ליכט פֿון דעם רבין —
צום פֿײַער וואָס רעדט מיט אַן אייביקן לשון,
וואָס טליִעט כּסדר און ווערט ניט פֿאַרלאָשן.

און ווען ס'איז געקומען דער חושך צוגיין
און האָט זיך געשטעלט אים אין וועג ווי אַ שטיין,
געזאָגט אים „עד כּאן"... איז דער פּשוט'ער שפּראַכמאַן
אַרײַן אין די מעשׂיות פֿון רבין ר' נחמן
און וואַנדערט אין זיי דאָרט אַרום מיט דעם רבין,
פֿאַרהוילן אין סוד פֿון דעם אייביקן לעבן.

מאַי־יוני, 1961

די פֿעדער

...און אַז עס איז ניטאָ דער רבי, איז מען זיך
מחבר צו דער פֿעדער. — ר׳ נתן נעמיראָווער ז״ל.

אַז עס איז ניטאָ דער רבי, האָט געזאָגט ר׳ נתן,
מוז מען אין די אומעטיקע, וואַכעדיקע חצות׳ן
זיך באַהעפֿטן מיט דער פֿעדער און מיט איר אין האַנט
גיין און זוכן יום־טוב אויף די וועגן פֿון זײַן לאַנד.

אין די וועלדער פֿון די מעשׂיות, ווּ ער איז געגאַנגען,
וואַקסט דער פּירות׳דיקער בוים, וואָס האָט אויף זײַנע שטאַנגען
אותיות פֿאַר ווערטער מיט אַ הייליקער טרייסט
פֿאַר אַ האַרץ וואָס וויל פֿון אומעט ווערן אויסגעלייזט.

מיט דער פֿעדער קען מען אויך דערפֿאָרן צו דעם האָפֿן
פֿון דעם ווילדן ים פֿון שירה, וואָס ער האָט באַשאַפֿן,
און דערהערן דאָרט דעם ניגון פֿון די שאַרפֿע רייד —
אויפֿצולעבן טויטע ביינער מיט אַ נײַער פֿרייד.

ס׳איז די פֿעדער אויך אַ לייטער אויף אַרויפֿצושטײַגן
פֿון דער טיפֿעניש, אין קלעם פֿון אויסגעהוילטן שווײַגן,
און מיט איר דערקלעטערן צום אויסדערוויילטן וואָרט,
וואָס זײַן שווײַגנדיקע שׂמחה איז מיט קול געפּאָרט.

אַז עס איז ניטאָ דער רבי, מוז די פֿעדער ווערן
אונדז אַ פֿויגל אויף צו פֿליִען העכער פֿון די שטערן —
כאָטש אַ רגע אַנצורירן דאָרט די אייביקײַט,
בײַצוקומען אויף אַ רגע דעם פֿאַרדאַרב פֿון צײַט.

מערץ־אַפּריל, 1962

דער פֿויגל און זײַן כּלה

(אַ סיפּור פֿון אַ ציפּור אין פֿיר סודות)

ווי אַ פֿידל נעמט די שטילקייט
און צעשפּילט זי אין אַ ליד,
גיט אַרײַן אין איר די ווילדקייט
פֿון זײַן האַרץ און ווערט צעגליט,

האָט דער רבי אונדזער בענקשאַפֿט
פֿון איר פּסולת אָפּגעטיילט,
אונדז אַרויסגעבראַכט פֿון ענגשאַפֿט,
מיט אַ מעשׂה אונדז געהיילט:

סוד איינס: די שמחה

מעשׂה: ס׳איז אַמאָל געווען אַ
פֿויגל אין אַ וואַלד אַליין.
איינמאָל האָט ער דאָרט דערזען אַ
צווייטן פֿויגל אויף אַ בוים.

האָט ער (ס׳הייסט דער ציפּור ראשון)
זיך משונה ווילד דערפֿרייט
מיט דעם פֿויגל מיט דעם פֿרישן
און אין האַרץ פֿאַר אים געגרייט

אַ גוט-מאָרגן און אַ פֿרומען
סקאָצל-קומט, און טאַקע באַלד
אויסגעזונגען: וואויל-געקומען
ביסטו, גאַסט, בײַ מיר אין וואַלד.

אונ זײַן שׂמחה, אין לשער,
איז געוואָרן שטאַרקער נאָך,
זיך צעפֿלאַקערט אין אַ פֿײַער
און די בלוטן אויפֿגעקאָכט —

נישט נאָר וואָס ער איז אַליין אין
וואַלד שוין נישט קיין גלמוד, נאָר
וואָס דער גאַסט, דער ציפּור שני,
איז אַ זי — פֿאַר אים אַ פּאָר.

זי, דער ציפּור שני, ווידער,
האָט געשוויגן, לאַנג געטראַכט
ביז עס האָט אַראָפּגענידערט
אין דעם וואַלד אַרײַן די נאַכט.

אין דער פֿינצטערניש געדיכטער
האָט זי זיך צו אים דערקענט
און זיי האָבן ווי צוויי ליכטער
אין דער פֿינצטערניש געברענט.

און געפֿלאַקערט האָבן אַלע
בלעטער פֿון די ביימער גרין
אויף דעם פֿויגל מיט זײַן כּלה,
ווי אַ חופּה, ביז באַגין.

סוד צוויי: דער צער

אָבער בעלות הבוקר,
ווען דער טאָג האָט אויפֿגעפּראַלט
און דער הימלדיקער פּויקער
אויפֿגעטרייסלט האָט דעם וואַלד

און האָט אויך דעם ציפּור ראשון
פֿון זײַן חלום אויפֿגעקלאַפּט,
איז קיין סימן פֿון דער זי שוין
נישט געווען... ווי אויסגעכאַפּט.

תּחילת האָט זיך אַ צעציטער
אויף דעם פֿויגל אָנגעיאָגט
און דערנאָך האָט אַ געוויטער
זיך אין אים צעוויינט, צעקלאָגט:

ציפּור, פֿייגעלע, ציפּורה,
האָט געררופֿן זײַן געוויין,
ביסט אַוועק ווי די אַשמורה,
ווידער מיך געלאָזט אַליין.

הלמאַי, האָט ער געיאָמערט,
האָסטו, פֿייגעלע, געשפּאַט,
אַט געווען און שוין נישטאָ מער,
ווי אַ נישט-דערזאָגטער סוד?

ביימער! האָט ער אויסגעשריגן.
עדות! ענטפֿערט מיר! איר מוזט!
נאָר זיי האָבן גרין געשוויגן,
וואָס צו זאָגן נישט געוווּסט;

נישט געוווּסט און נישט פֿאַרשטאַנען
פּונקט ווי ער אַליין זײַן פּײַן —
אַז די זי, וואָס נישט־פֿון־דאַנען,
איז אין האַרצן אים אַרײַן;

אַז די בענקשאַפֿט אַלע יאָרן
נאָך דעם צויבער פֿון איר מויל,
וואָס האָט טיף אין זײַן זכּרון,
ווי אַ גליִענדיקע קויל,

ווי אַ תּפֿילה, נישט־געשטיליקט,
בעטן אַליך נישט אויפֿגעהערט —
איז געוואָרן איצט באַוויליקט,
איז געוואָרן איצט דערהערט.

סוד דרײַ: דאָס נײַע קול

פלוצעם טאָקע אָפּגעקלונגען
אַנדערש האָט זײַן קול אין וואַלד,
און אַ ניגון, ווילד געזונגען,
האָט פֿון אים אַרויסגעקוואַלט.

דאָס האָט זי געזונגען אין אים
און זײַן בענקשאַפֿט אײַנגעשטילט,
און אין גאַנצן וואַלד דעם גרינעם
האָט דער שיר איצט ווילד געשפּילט.

אַלע בלעטער אויף די ביימער
האָבן לאַנג נאָך נאָכגעטראַכט
פֿון דער טרעפֿעניש געהיימער,
נאָר צו גאַרנישט זיך דערטראַכט.

סוד פֿיר: דער שליסל

זיי האָט קוים דער הוילער שׂכל
פֿון דער מעשׂה אָנגערירט,
האָט דער רבי מיט אַ שמייכל
פֿון די אויגן אויסגעפֿירט.

ווײַל די בלעטער, זיי פֿאַרשטייען
נאָר דעם אייבערשטן לבוש,
זיי באַנעמען נאָר געשרייען,
נישט דאָס שטילע קול פֿון דרוש.

אָבער אַז מען קוקט אַ ביסל
טיפֿער, טיפֿער אין דער זאַך,
קומט אַרויף פֿון דאָרט אַ שליסל
און אַ טיר ווערט אויפֿגעמאַכט:

ס'איז דער פֿויגל יעדער איינער,
און די זי שטילט זײַן פֿאַרלאַנג,
וואָס אָן איר איז ער אַליינער
פֿון אַ ניגון אָן אַ קלאַנג.

ס'איז דער פֿויגל אויך אַ מעשׂה,
וואָס וויל ווערן ערשט דערציילט,
און די זי — אַ פֿלאַם אַ ווײַסער,
וואָס עס ווערט איר צוגעטיילט

ווי אַ פֿירנדיקער שטערן
אין דעם חושך פֿון אַרום,
און אַ מויל צו לאָזן הערן
דאָס וואָס שווײַגט אין אים פֿאַרשטומט.

ס'האָט דער רבי אָנגעוווּנקען,
אַז די מעשׂה נאָך פֿאַרמאָגט
בליצן אַלערליי און פֿונקען,
און לסוף האָט ער געזאָגט:

סודות און רמזים דרינען
קען מען נאָך אַ סך דערגיין,
נאָר די שענסטע קען געפֿינען
איטלעכער פֿאַר זיך אַליין. אָמן.

יולי־סעפּטעמבער, 1962

דער בן־מלך און דער שטעקן

(אַ מעשׂה אין נײַן טײלן)

טייל איינס: דער אָנהייב

אַרויס פֿון זײַן טאַטן דעם מלך׳ס רשות,
אַ בן־מלך האָט זיך געלאָזט גיין צופֿוס,
געגאַנגען, געוואַנדערט, גענומען אין זינען —
אַ נײַע מדינה, אַ לאַנד צו געפֿינען,
וווּ ס׳איז נאָך קיין מלך נישטאָ און קיין האַר,
און ער זאָל דאָרט ווערן דער ערשטער אַ שׂר.

כּדי צו פֿאַרגרינגערן ווײַטער דעם גאַנג,
ווײַל ס׳האָט זיך געצויגן דער וועג אַזוי לאַנג,
און אויך אַז ער זאָל זיך פֿאַר חיות נישט שרעקן,
ער האָט זיך באַטראַכט: כ׳וועל מיר מאַכן אַ שטעקן.
און פּלאַי־פּלאַים — אַ בוים אין דעם וואַלד
אויסגעשטרעקט האָט אים אַ צווײַג דערויף באַלד.

דער בן־מלך האָט פֿאַר דעם ליבן געשאַנק
דעם בוים אָפּגעגעבן אַ לויב און אַ דאַנק,
אַ שטעקן געמאַכט מיט אַ הענטל אַ שיינעם,
געראָטן אין קאָפּ פֿון דעם הויפּט פֿון די זקנים,
וואָס ער האָט אין הויף בײַ זײַן טאַטן געזען
און וואָס איז זײַן טאַטנס בעל־יועץ געווען.

דעם קאָפּ פֿון דעם חכם געווען איז נישט שווער
קאָפּירן אין שטעקן, דעריבער האָט ער
געשניצט און דערבײַ אויך אַ לידל געזונגען,
און ס׳איז אים די אַרבעט אַ גרינגע געלונגען;
פֿאַרוואָס אָבער דעם קאָפּ, האָט ער נישט געוווּסט,
נאָר ער האָט געשניצט אים, ווי ער וואָלט געמוזט.

טייל צוויי: אַ טאַטנס אַ קינד

דער בן־מלך, פּאַסט זיך דערציילן אצינד,
געווען איז אַ מושלם, אַ טאַטנס אַ קינד,
געקענט האָט ער זינגען, גערעדט אַ סך שפּראַכן,
נאָר מערער נאָך האָט מען באַוווּנדערט די זאַכן
(און מ׳האָט זיי גערימט און געווען אַזוי שטאָלץ),
די זאַכן וואָס אויסגעשניצט האָט ער פֿון האָלץ.

למשל, ער האָט פֿון אַ צווײַגל אַמאָל
אַ פֿײַפֿל געמאַכט מיט אַזאַ זיסן קול
און מיט אַזוי פֿיל נגינה באַטײַטן,
אַז פֿייגל וואָס האָבן דערהערט עס פֿון ווײַטן,
פֿלעגן אים נאָכפֿליִען ווילד אין דער לופֿט
און מיינען דער שׂר פֿון די פֿייגל זיי רופֿט.

ער האָט אויך אַמאָל, אויף אַ הילצערנעם שילד,
פֿון הויף־נאַר געמאַכט אַזאַ לעבעדיק בילד,
אַז תּיכּף ווי ער האָט געענדיקט דאָס שניצן,
עס האָט זיך געדאַכט אַז מען הערט זײַנע וויצן;
אַפֿילו דער הויף־נאַר אַליין האָט געמיינט
ער הערט זײַנע וויצן און . . . האָט זיך צעוויינט.

טייל דרײַ: פֿאַרדאַכט

אַקיצור, ער האָט מיט דעם שטעקן אין האַנט
אַלץ ווײַטער און ווײַטער און ווײַטער געשפּאַנט,
געגאַנגען אויף וועגן אויף גלײַכע, פֿאַרדרייטע,
אויף זאַמדן אין מדבר, אויף פֿעלדער פֿאַרשנייטע,
ביז פּלוצעם ער האָט מיט פֿאַרוווּנדער דערשפּירט
אַזוי ווי עס וואָלט אים דער שטעקן געפֿירט.

טשיקאַווע! האָט ער מיט אַ שמייכל געטראַכט
און האָט אויך אין האַרץ פֿון זיך חוזק געמאַכט.
ער האָט אָבער דאָך פֿאַר׳פּאַמעלעכט דאָס שפּאַנען,
אַפֿילו אַ ווײַלע אַ קליינע געשטאַנען,
פֿון אָרט נישט גערירט און געבליבן שוין שטיין,
געזאָגט צו דעם שטעקן: „אַנו, גיי אַליין!

און אפֿשר גאָר ווילסטו מיר שפּאַלטן דעם ים?!״
דער שטעקן האָט אָבער געקוקט ווי אַ תּם
און גאָרנישט געענטפֿערט, געקוקט און געשוויגן.
„כ׳האָב אָבער געוווּסט ס׳איז אַ שטות און אַ ליגן!״
דער בן־מלך האָט זיך געטרייסט און געלאַכט
און דאָך . . . אויף דעם שטעקן געקוקט מיט פֿאַרדאַכט.

היות ווי עס האָט שוין געאָוונט אין טאָל,
האָט ער זיך באַרעכנט ס׳איז גלײַכער ער זאָל
אַ נאַכטלעגער זוכן, זײַן אָוונטברויט עסן,
די נאַכט איבערשלאָפֿן, די מעשׂה פֿאַרגעסן,
און באַלד אינדערפֿרי, מיט אַ קלאָרן פֿאַרשטאַנד,
זיך ווידער אַרויסלאָזן זוכן זײַן לאַנד.

טייל פֿיר: בײַם ים

כּאָוו, ווען די זון האָט די נאַכט אויסגעמעקט
און האָט אים פֿון שווערע חלומות צעוועקט,
דער בן־מלך האָט זיך מיט פֿרישע פֿאַרלאַנגען
אַרויסגעלאָזט ווידער אין וועג און געגאַנגען,
געשפּאַנט מיט דעם שטעקן, געקוקט אין דער ווײַט,
ווי איינער אַט־ערשט פֿון אַ תּפֿיסה באַפֿרײַט.

געגאַנגען אַזוי איז ער עטלעכע טעג
ביז האַרט אָנגעקומען איז ער צו אַ ברעג,
צום ברעג פֿון אַ שטורמישן וואַסער אַ טיפֿן
און זאָגן געהערט אַז די ריזיקסטע שיפֿן,
וואָס שטעלן זיך איַין און זיי פֿאָרן אַרויס,
פֿאַרשווינדן גאַנץ אָפֿט אין זײַן שטורמישן שויס.

דערווײַל, ווען אַראָפּגעלאָזט האָט זיך די נאַכט,
דעם בן־מלך האָט זיך אין חושך געדאַכט —
ער הערט ווי עס רופֿט אים פֿון וואַסער און רייצט אים
אַ קול מיט אַ זיסקייט אַזאַ און פֿאַרפֿלייצט אים...
נאָר ווי ער האָט נאָכגיין געוואָלט, האָט זיך ווילד
באַוויזן די זון און דאָס קול אײַנגעשטילט.

טייל פינף: שטרײַט

פֿאַרביטערט, דערשלאָגן אַ לענגערע צײַט
דערפֿון וואָס דעם וועג צו דער אַנדערער זײַט
עס טוט אים אויף אייביק דאָס וואַסער פֿאַרצאַמען,
אַ וואָרף געטאָן האָט ער דעם שטעקן אין ים און...
מיט ווייטיק אין האַרצן געוואָלט גיין צוריק,
נאָר האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין איין אויגנבליק.

ווײַל פלוצעם ער האָט נישט געגלייבט וואָס ער זעט,
אַ טראַף האָט אים ממש דעם מוח געפּלעט:
עס האָט זיך דער ים מיט אַ בליאַסק אָנגעצונדן,
אַ בליציקן פֿלאַקער געטאָן און פֿאַרשוווּנדן,
און ס'האָט זיך אַנשטאָט אים אַנטפּלעקט מיטאַמאָל —
אַ גרינער, באַזוניקטער, טרוקענער טאָל.

און תּיכּף דערנאָך, נאָך דעם שטויניקן בײַט,
ווען ער האָט דעם שטעקן דערזען בײַ זײַן זײַט,
דער בן־מלך האָט זיך צעשריגן: „איך גיי נישט!
איך גיי נישט פֿון דאַנען מער, ביז איך פֿאַרשטיי נישט
און ווייס נישט דײַן מיין, אויב אַפֿילו איך שטאַרב!
איך ריר זיך נישט.״ האָט ער געוואָרנט אים האַרב.

„וואָס טוסטו באַהאַלטן?״ ער האָט אים געפֿרעגט.
„וואָס זאָגסטו נישט עפּעס? וואָס האַלטסטו פֿאַרדעקט
דעם סוד וואָס טוט שטעקן אין דיר, ליבער שטעקן?
אויב דו וועסט מיר תּיכּף דעם סוד נישט אַנטפּלעקן,
לאָז איך דיך איבער אין טאָל דאָ אַליין.
אַזוי וועל איך ווײַטער מיט דיר מער נישט גיין!״

טייל זעקס: פּריטשעפּע

ווען ער האָט קיין ענטפֿער פֿון אים נישט געהערט,
דער בן־מלך האָט אים מיט צאָרן אויף דרערד
אַ שלײַדער געטאָן, זיך געלאָזט גיין צעפּלויגן,
האָט טראַציק אַפֿילו פֿאַרמאַכט זײַנע אויגן;
נאָר ווען ער האָט ווידער געעפֿנט זיי גרויס —
עס איז אים דער שטעקן געגאַנגען פֿאַראויס.

„פֿאַרפֿאַלן!״ דער בן־מלך האָט זיך צעוויינט,
נאָר תּוך כּדי דיבור די פֿינגער פֿאַרביינט,
צום שטעקן אַזוי ווי באַנומען געשריגן:
„דאָס וועט דיר, פּריטשעפּע, נישט ווערן פֿאַרשוויגן!״
און באַלד, מיט די ווערטער, דעם שטעקן געפּאַקט
און האָט אים אויף צווייען צעבראָכן, צעקנאַקט.

געמיינט האָט ער: פּטור אָן עסק, אָן עק!
נאָר ווען ער האָט ווידער געוואָלט גיין אין וועג,
האָט ער נישט געקענט בשום אופן זיך רירן,
ווי ס'וואָלט אים אַ כּוח צום באָדן פאַרפרירן:
דאָס האַרץ איז געווען אים צעמישט און צעדרייט,
ווי עמעצער וואָלט אים זײַן ווילן . . . צעצווייט.

טייל זיבן: אין קלעם

און תּיכּף, בײַם לאַכיקן ליכט פון דער זון,
דערזען האָט ער טאַקע די סיבה דערפון —
איין העלפט פון דעם שטעקנס צוויי עקן צעשיידטע
איז הינטער זײַן פּלייצע געווען, און די צווייטע
געשטאַנען איז פאַר אים, און ער, ווי אין צוויק,
געקענט האָט נישט גיין נישט אַהין, נישט צוריק.

האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד
און קלערן גענומען, געקלערט און געקלערט,
געפּרוּווט אין געדאַנק פון דעם שטעקן אַנטרינען
דורך דעם וואָס ער וועט אים פאַרטרײַבן פון זינען,
נאָר ס'האָט אים דאָס טראַכטן צו גאָרנישט געבראַכט,
כאָטש ער האָט אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך געטראַכט.

ער האָט אויך אַ מיטל אַ צווייטן געפּרוּווט —
אַ האַסטיקן שפּרונג געטאָן הויך אין דער לופט,
אַוועק פון דעם ערדישן קלעם דורך די הייכן,
באַוויזן כּמעט שוין די שטערן דערגרייכן...
נאָר ס'האָט אים דעריאָגט אַ געשפּאַן פון צוויי פערד,
דעריאָגט און געבראַכט אים צוריק אויף דער ערד.

טייל אכט: די געעפֿנטע טיר

פֿון הימל אַרונטערגעקומען איז ער,
דער בן־מלך, הייסט עס, אין קול מיט אַ טרער,
און האָט צו דעם שטעקן, מיט ווערטער מיט שטילע,
געווענדט זיך, געזאָגט — ער איז גרייט שוין אַפֿילו
צו פֿאָלגן אים בלינד זײַן באַהאַלטענעם מיין
און לאָזן זיך פֿירן, אַבי ווײַטער גיין.

און אַט דאָס געבעט פֿון דעם בן־מלך האָט,
ווײַזט אויס, אים געעפֿנט די טיר פֿון דעם סוד,
געעפֿנט די אויגן פֿון האַרץ מיט אַ גלויבן,
וואָס האָט אים אַ גרינגן פֿון דרערד אויפֿגעהויבן.
ער האָט אויך מיט שׂמחה צעשטראַלטער דערזען —
דער שטעקן . . . איז ווידער אַ גאַנצער געווען.

און דעמאָלט דער בן־מלך האָט אויך דערפֿילט
ווי ס׳וואָלט אים אַ גאַנצקייט דאָס האַרץ אײַנגעשטילט,
ווי ער וואָלט אין לאַנד דעם געזוכטן געווען שוין,
ווי ס׳וואָלט אים אַ קרוין אויפֿן קאָפּ איצט געברענט שוין
און אים דאַרט צו ווערן דער מלך געגרייט . . .
און ער האָט צעוויינט זיך מיט טרערן פֿון פֿרייד.

דערנאָך האָט ער ווידער מיט לויב און געזאַנג
דעם בוים אין דעם וואַלד פֿאַר זײַן צווײַג אָפּגעדאַנקט.
און גינציק געשמייכלט צוריק אויכעט האָט ער
צום קלוגן בעל־יועץ פֿון הויז פֿון זײַן פֿאָטער —
צום קאָפּ פֿון דעם שטעקן וואָס האָט אים געפֿירט
אין לאַנד פֿון זײַן האַרץ און בשלום דערפֿירט.

טײל נײַן: דער עיקר

בײַם סוף פֿון דער מעשׂה דער רבי האָט נאָך,
מיט ווערטער געציילטע, געזאָגט אַז דער תּוך
פֿון דעם וואָס ער האָט אונדז דערציילט באַריכות,
געפֿינט זיך אין דעם, אַז געקומען צו זיך איז
דער בן־מלך ווען ער האָט סוף־סוף דערקענט
דאָס פֿײַער וואָס האָט אין זײַן האַרצן געברענט.

דער וועג צו דעם אייגענעם האַרצן איז ווײַט
און ס׳נעמט אונדז צו קומען אַהין אַזאַ צײַט,
ווײַל יעדער פֿון אונדז איז אין בן־מלך׳ס בחינה
און ס׳ווײַזט זיך אים אויס אַז די נײַע מדינה
מוז זײַן דווקא ערגעץ־ווו איבערן ים,
און בלאָנדזשעט דעריבער אַרום ווי אַ תּם.

און ווייסט איר וואָס נאָך, האָט דער רבי געזאָגט,
ווען ס׳האָט שוין אין דרויסן דער מאָרגן געטאָגט,
דער עיקר איז אָבער, געדענקט, האָט אין זינען,
איז נישט בלויז דאָס לאַנד פֿון דעם האַרץ צו געפֿינען
און נישט בלויז בשלום אַהינצו אַרײַן,
נאָר אויך ווי אַזוי דאָרט אַ מלך צו זײַן.

אַ מעשׂה

אין אָנדענק פֿון מײַן מאַמע
העניע בת דוד אהרן הכּהן ע״ה
נפֿטרה חמשה־עשׂר בשבט, תשי״ד

איך געדענק: די מאַמע האָט דערציילט אַמאָל אַ מעשׂה
פֿון אַ וואַנדערער וואָס האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד,
און געזאָגט האָט זי אַז כאָטש עס האָט אַ נאַכט אַ ווײַסע
אַלע ביימער, קליין און גרויס, מיט ליכטיקייט באַשטראַלט,
כאָטש עס האָבן אויך די שטערן זילבערדיק געבלענדט —
האָט ער דאָך דעם וועג אַהיים געפֿינען ניט געקענט.

הערנדיק די מאָדנע מעשׂה, בין איך אַ טשיקאַווער
אויך אַרײַן צום וואַנדערער אין וואַלד פֿון ווײַסער שרעק
און געוואָרן בין איך אים אַ בלאָנדזשענדיקער חבר,
זיך געדרייט אַרום די ביימער און געזוכט דעם וועג,
טראַכטנדיק אַז אין דער מאַמעס שטילע, גוטע רייד
איז פֿאַר אונדז אַ גוטער סוף שוין זיכער אָנגעגרייט.

נאָר דער סוף האָט זיך געשלעפּט און ניט געאײַלט צו קומען,
ווי די מאַמע וואָלט בכּיוון (פֿאַלט מיר אײַן אַצינד)
אים פֿאַרהאַלטן און געצויגן מיט אַ מיין אַ פֿרומען
און פּאַמעלעך ווײַטער־ווײַטער אירע רייד געשפּינט,
שיין דעם משל אויסגעשטאַלטיקט און אים אָנגעטאָן,
איך זאָל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן וואָס זי זאָגט מיר אָן.

האָב איך טאַקע ניט פֿאַרגעסן דורך די אַלע יאָרן
זינט איך בין אַ וואַנדערער אין וואַלד פֿון וואָרט און קלאַנג,
און דער וווּנדער פֿון דער מעשׂה קומט מיר אין זכּרון
שטענדיק ווען אַ טונקלעניש פֿאַרשטרויכלט מײַן געזאַנג.
איך פֿאַרבלאָנדזשע דעמאָלט ווידער, פּונקט ווי ער אַמאָל,
אין דעם נאַכט־וואַלד פֿון דער מעשׂה און דערהער זײַן קול.

— וועג, ווו ביסטו? דעק זיך אויף! — איך הער אים רופן, בעטן,
און עס קלינגט אין גאנצן וואלד זײַן אויסטערליש געוויין,
דאס געוויין פון אלע דורות זינגער און פאעטן,
ווען זיי בלאנדזשען אין א ליד מיט א פארהוילטן מיין.
איך דערהער אויך ווידער ווי דער מאמעס קול דערציילט
וואס עס האט דעם וואנדערער פון בלענדזעניש געהיילט:

לאנג האט ער א פינצטערער געוואגלט, אײַנגעבויגן,
נאר זײַן תפילה האט דארט קיינער, קיינער ניט געהערט.
ביז ער איז אוועקגעפאלן מיט פארמאכטע אויגן,
צוגעניגט זײַן אויער צו דעם הארצן פון דער ערד,
און די טיפע סודות, וואס די ערד האט אים געזאגט,
האבן באלד דערנאך אין אים א פײַער אויפגעטאגט.

מיט א לויכטנדיקן פנים איז ער אויפגעשטאנען
און זײַן אויפגעטאגטע פרייד האט אנגעפילט דעם וואלד,
ווען מיט פליגלדיקע טריט ער האט געלאזט זיך שפאנען.
ווײַל דער אמת פון דער ערד, וואס האט צו אים געקוואלט,
איז פון אויער אים ארײַן אין הארץ און אים געפירט,
ווי ער וואלט געוועזן דעם ברעג פון הימל אנגערירט.

אקטאבער־דעצעמבער, 1961

רבה בר בר חנא *)

רבה בר בר חנא
קוקט אויף דער לבנה
און ער טראַכט אַ טיפֿע טראַכטעניש.
ס'איז שטיל, ס'איז שאַ,
די נאַכט איז פֿרײַ פֿון הו און האַ,
און ער איז פֿול מיט דיכטעניש און דאַכטעניש.

ער האָט אַמאָל אין דרימל
אָנגערירט דעם הימל
און אויף שטענדיק זיך שוין אָפּגעבריט:
ער האָט געפּאָרשט
און קען נישט לעשן מער דעם דאָרשט,
וואָס ס'האָט דער הימל־ברען אין אים דאַן אָנגעגליט.

אַ דיכטעניש אָן ווערטער,
אַ דאַכטעניש דערהערט ער,
וואָס רופֿט פֿון יענער זײַט געדאַנקעניש
און בעט ער זאָל
אויף פֿליגל פֿון זײַן וואַרעם קול
באַפֿרײַען און זיי ראַטעווען פֿון צאַנקעניש.

יאָרן שוין אַריבער
און דער לאַנגער חיבור
איז נאָך אַלץ נישט קײַן פֿאַרענדיקטער:
ער האָט דערציילט
און דאָך, נאָך אַלץ נישט אויסגעהיילט,
געבליבן איז זײַן האַרץ אין וועלט פֿאַרבלענדיקטער.

---

*) רבה בר בר חנא, דער מחבר פֿון פֿיל פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות אין דער גמרא, איז געווען איינער פֿון די חכמי־התלמוד, באַקאַנט אונטערן נאָמען אַמוראים. ער איז געבוירן געוואָרן אין בבל, אין דעם 3טן יאָרהונדערט, אָבער האָט פֿאַרבראַכט פֿיל יאָרן אין ארץ־ישׂראל. צוריקקומענדיק קײַן בבל, האָט ער געלערנט אין דער ישיבה אין פּומבדיתא, ווו מען האָט ארץ־ישׂראל גערופֿן „דער מערב".

מעשׂיות און משלים
קומען אים צו חלום
און זיי בעטן אים אַ בעטעניש:
צינד־אָן דײַן פֿלאַם,
באַלײַכט און שפּאַלט פֿאַר אונדז דעם ים,
וואָס פֿירט צום לאַנד פֿון וווּנדער און פֿון רעטעניש.

אַזוי פֿיל שוין חידושים,
פּרעכטיק און מגושם,
האָט ער געזען און מער נאָך אויסגעטראַכט,
און אָט דערפֿאַר
מען רופֿט אים אייזל, לץ און נאַר,
מען שטראָפֿט אַזוי און ער ווערט ביטער אויסגעלאַכט.

— זאָג מיר, בר בר חנא, —
פֿרעגט אים די לבנה,
— פֿון וועגן וואָס האָסטו זיך פֿאַרטראַכט אַזוי?
צי מיינסטו דען
דו קענסט אַמאָל דורך מיר דערזען,
דערבליקן זיך צו יענער זײַט פֿון הימל־בלוי?

— אויך דו ביסט אַ בר חנא, —
ער זאָגט צו דער לבנה,
— אַ נאַר וואָס וואַנדערט אין דער הימלעניש.
דײַן ווײַס געשטאַלט,
וואָס איז מיט וווּנדער אויסגעשטראַלט,
ווערט אָפֿט, ווי מײַנס, פֿאַרשעמט פֿון חוזק׳ם שימלעניש.

— פֿענצטערל פֿון הימל,
עס קען דעם חוזק׳ס שימל
בײַ מיר דײַן שײנקײט נישט פֿאַרמינערן:
איך קוק אויף דיר,
די ווונד פֿון ווונדער ברענט אין מיר
און ציטערט מיטן ווײ פֿון אַ געווינערין.

— און זאָלן קלוגע ברײַען:
שטות און שפּילערײַען
פֿאַר קינדער און נאַראָנים פּלוידערט ער!...
עס וועט די צײַט
נאָך לאַכן פֿון די בלינדע לײַט
און שמײכלען אויף דער חכמה דער צעגוידערטער.

— אין שפּיל פֿון ווערטער הער איך
דעם רוף פֿון אַלטן דרך:
ס׳איז יעדער וואָרט אַ לאַנד צום וואַנדערן.
איך גײ אין וואָרט
און זוך אין דעם ווײַטן דאָרט,
וואָס טוט פֿון סוד כּסדר אונדז פֿאַנאַנדערן.

— דורך שוואַרצע נעכט און ווײַסע,
אין שפּיל פֿון וואָרט און מעשׂה,
וועל איך די יאָרן דאָ שוין ענדיקן,
און איך פֿאַרהאָף
עס זאָל און וועט אַמאָל דער סוף
מיט שפּיל באַגלײטן מיך צום לעבן שטענדיקן.

— איך וועל שוין דאָ אין בבל
פֿאַרבלײַבן ווי אַן אָבל,
אין מערבֿ גיין בין איך שוין אַלט אַצינד:
מײַן קול, מײַן קול
וועט אָבער דאָרטן זײַן אַמאָל
נאָך ווײַטן גרויסן וואַנדערטאָג פֿון שטורעמווינט.

— די ווײַטע צײַט זי רײַט שוין
און וועט מײַן קול פֿאַרטײַטשן,
פֿאַרשווינדן מוז און וועט די שפּעטעניש:
ס'איז יעדער קלאַנג
פֿון אונדזער שותּפֿותדיק געזאַנג
אונדז נייטיק אויפֿן וועג פֿון רעטעניש צו רעטעניש.

מאַי־יוני, 1958

דער נײַער הימל

דעם דריטן נשׂיא פֿון מדינת ישׂראל,
שניאור זלמן שזר שליט״א,
אין 16טן יאָר פֿון דעם נײַעם הימל

ס׳האָט די ערד געטאָן אַ ציטער,
ווען ישׂראל׳ס אַלטער היטער
האָט באַפֿליגלט און פֿאַר׳אמת׳ט
דאָס וואָס איז געווען פֿאַר׳רמז׳ט
אין די נעסטן פֿון מאמרים;

מיט זײַן אויסגעשטרעקטן אָרעם
אָנגעצונדן אין די הייכן
האָט ער דעם באַוווּרטן צייכן
פֿון עקיבא׳שן געלעכטער —[1]
פֿאַר ישׂראל׳ס זין און טעכטער.

דעמאָלט איבער אַלע לענדער
אויפֿגעפֿלאַקערט האָט דער ברען דער
בלויער פֿון ישׂראל׳ס הימל,
אויסגעשפּרייט זיך, און פֿון דרימל
אויפֿגעוועקט פֿאַרוויינטע אויגן;

זײַנע פֿליגל אויסגעבויגן,
ווי אַ מאַמע האָט גערעדט ער
מיט אַ טרייסט פֿון גרינע בלעטער,
און אַ בשׂורה אָנגעצונדן,
וואָס האָט מדבּרדיקע ווונדן
אויסגעהיילט און אויסגעטריקנט.

אַ געוויין האָט ער פֿאַר׳תיקונ׳ט
פֿון אַ לאַנגער, הייסער טרער אין
שמונה־עשׂרה׳ס און באַגערן
פֿון אַזוי פֿיל דורות צונגען —
און אַ קול האָט זיך צעזונגען
אונטער יעקב׳ס הויכן לייטער
אויף דער ערד דער אויסגעשפּרייטער.[2]

פֿון די צונגען, פֿריי פֿון גומען,
איז דאָס פֿרײַע קול געקומען.
רעכטע הענט מיט אַ זכרון,
וואָס איז אויפֿגעריכט געוואָרן,
האָבן זיך צעפּליעסקעט לוסטיק;
און מיט שטימען טיף און ברוסטיק
האָבן זיך צערוישט, צעשריגן
בערג וואָס האָבן לאַנג געשוויגן.

איבער פּאַרמעטענע פֿעלדער
האָט, אַ היימישער, געהעלט דער
נײַער הימל, ווען דערקענט זיך
האָבן זיי און אויך די הענט זיך
אויסגעשטרעקט — און סודות, ספֿקות,
רעטענישן, קשיות, תּיקו׳ס,
אָנגעזאַמלטע פֿון יאָרן,
זײַנען אויסגעלייזט געוואָרן
פֿון אַ נעפּלדיקן גלות.

מיט דערוואָרגענע יללות,
צו דעם גומען צוגעקלעפּטע,
און מיט ווערטער אויסגעוועפּטע,
האָבן פּנים׳ער פֿאַרקוואַרטע
צוגעקוקט זיך, אָפּגענאַרטע,
פֿונדערווײַטנס, און געשוויגן.
ס׳האָבן אָבער ווילד געשריגן
בלויז איינהענטיקע פּאַרשוינען,
מיט געשריי זיך צו פֿאַרשוינען
קעגן אויסגעדאַכטע שרעקן.

אַט די געבעכדיקע פֿלעקן
פֿון דעם מדבר׳דיקן שימל
האָט באַטראַכט דער נײַער הימל
מיט רחמנות׳דיקן שווײַגן,
ווי עס קוקט אַ בוים אויף צווײַגן
אָפּגעדאַרטע . . . אָבער באַלד זיך
אָפּגעקערט פֿון זיי, צעשטראַלט זיך,
און אַרומגענומען האָט ער
מיט די אָרעמס פֿון אַ פֿאָטער
אַלע ווינקעלעך דערפֿרייטע
פֿון דער ערד דער אויסגעשפּרייטער.

און צעשפּילט האָט אַ געדאַנק זיך,
און דערהערט האָט אַ געזאַנג זיך
מיט אַ לאַנגן, פֿרײַען אָטעם
פֿון ישׂראל׳ס אַלע שבטים,
ווען עס האָט דער לאַנגער שופֿר
אָנגעזאָגט, געשאַלט אַן אויפֿהער
מיט אַן אויפֿגעלעבטער גבורה,
אָנגעזאָגט די גרויסע בשׂורה:
אין אַ פֿײַגנבוים געראָטן [3]
איז אַצינד ישׂראל׳ס שאָטן!
און צעבליט האָט זיך דער חלום
פֿון דעם נײַעם הימל׳ס שלום.

יולי־אויגוסט, 1963

---

1) רבי עקיבא האָט געלאַכט — זעענדיק די מקוים־געוואָרענע נבואה פֿון אוריה הכּהן וועגן חורבן ירושלים — ווײַל דאָס איז פֿאַר אים געווען אַ צייכן אַז עס וועט אויך מקוים ווערן זכריה הנביא׳ס נבואה אַז די שטאָט וועט אויפֿגעריכט ווערן. (מכּות כד)

2) עתידה ארץ־ישׂראל שתתפשט בכל הארצות. (מקור אומבאַקאַנט)

3) עתידה ארץ־ישׂראל להיות מרחבת ועולה מכּל צדדיה כתאינה זו שרחבה מלמעלה וקצרה מלמטה. (ילקוט שמעוני, זכריה תקע״א)

אַ טיגער אויף אַ שטריק

IV

דאָס זײַנען זיי, די העלדן מײַנע,
נאָר מיט זיי איז ווײַט נישט אויסגעשעפּט דאָס צעטל

אַ טיגער אויף אַ שטריק

צייכענונג פֿון יצחק פֿרידלענדער

אַ טיגער אויף אַ שטריק

הערט אַ מעשׂה ווי אַנומלט
האָט אַ חלום מיך צעטומלט.
ס'איז אַ משל מן־הסתּם,
אָבער וואָס עס איז זײַן גראַם —
וואָס דעם משל'ס נמשל איז —
ווייס איך נאָך נישט אויף געוויס.

נאָר דעם האַלבן גראַם, דעם חלום,
אומגעפּער ווי איך דאָ מאָל אים,
וואָס דער שלאָף האָט אויסגעקלערט,
מעגט איר סײַ ווי הערן. הערט:

איבער געסעלעך און גאַסן
גיי איך מיר אַזוי געלאַסן,
אַ פֿאַרטראַכטער, אַ ניט־היגער,
און עס גייט מיר נאָך אַ טיגער.

ווילד איז ער, ווי אויף די בילדער,
נאָר ער גייט מיר נאָך אַ מילדער,
ווײַל איך פֿיר אים אויף אַ שטריק.
אָבער ווער עס גיט אַ בליק
און דערזעט אונדז, כאַפּט אַ ציטער
און אַנטלויפֿט אַן אָפּגעבריטער.

אין באַהעלטעניש פֿאַרשטעקט,
הער איך קולות אויפֿגערעגט
און מען מורמלט און מען שפּעט:
„זעט נאָר, ס'איז דאָך דער פּאָעט!"

איינער זאָגט: „אַ מעשׂה נורא!
ווײ, ווי האָט ער נישט קײַן מורא!"

און אַ צווייטן זאָגן הער איך:
„ער איז נישט בײַם זינען, כ'שווער אײַך!
ער איז גאָרנישט אַזאַ קריגער,
דאָך שפּאַצירט ער מיט אַ טיגער.
כ'שווער אײַך, ווי איך בין אַ ייִד,
אַז דער טיגער איז זײַן ליד,
און ער מיינט ער וועט אונדז צווינגען
אַז מיר זאָלן מיט אים זינגען!"

און אַ דריטער און אַ פערטער
זאָגן שאַרפערע נאָך ווערטער
און זיי קריצן מיט די ציין.

איך קען אָבער נישט פאַרשטיין
וואָס מען מאַכט אַזאַ מין צימעס.
און אַ רואיקע מײַן שטים איז,
ווען איך ענטפער זיי צוריק:

„מורא, שמוירע, גאָט באַשירעם!
זעט איר דען נישט אַז איך פיר אים,
אַז איך פיר אים אויף אַ שטריק!"

פעברואַר־מערץ, 1962

מאָנאָלאָג פֿון אַ זעברע

1

אַ זעברע וואָס איז,
ווילט איר וויסן, טאָ הערט —
„אַ פֿערדישער טיגער,
אַ טיגעריש פֿערד.״
אזוי זאָגן יעגער
מיט חוזק און שפּאַסן:
„אַ זעברע אַ פֿערד איז
מיט טיגערשע פּאַסן.״

איז וואָלטן די גרויסע
חכמים געקענט נאָר,
און וואָלטן מיט זייערע
מײַלער געשפּעט נאָר,
מיר וואָלטן, איך זאָג,
נישט געוואָרן בדלות
אַפֿילו פֿון טיטל:
„אַ פֿערד מיט אַ טלית״.

פֿון נאַרישע ווערטלעך,
אַפֿילו מיט ציינער,
עס איז פֿון דער וועלט
נישט געגאַנגען נאָך קיינער,
בפֿרט נאָך אַז איך בין
גאָר שטאָלץ מיט דעם טיטל —
דער טלית בײַ מיר איז
אַ וווּנדערלעך מיטל:

איך פֿיל אויף מײַן לײַב
זײַנע שטרײַפֿיקע זמירות,
און, גלייבט מיר, נישטאָ נאָך
קיין שענערער שיר איז
פֿון ניגון, וואָס ווערט
אויף מײַן וועזן פֿאַרצויגן
און טוט מיך באַהאַלטן
פֿון פֿײַנטלעכע אויגן.

ער נעמט מיך אַרום
אַזוי גוט, און איך דאַוון,
און בין פֿאַרן כּלל אויך
מײַן תּפֿילה מכוון —
מײַן תּפֿילה צום הימל
ער זאָל אונדז פֿאַרהיטן
עס זאָל אונדזער לעבן
נישט ווערן פֿאַרשניטן.

2

מיר וואוינען אין עק וועלט
און טשעפּען נישט קיינעם,
און דאַנקען און לויבן,
ווען אונדזערע שכנים
באַמערקן אונדז נישט... נאָר
דער עיקר מיר בענטשן,
ווען ס׳קומען צו אונדז נישט
קיין לייבן און מענטשן.

פון לייבן מיט לאַפּעס
און מענטשן וואָס שיסן
עס ראַטעווען נישט נאָר
די פיס, מוזט איר וויסן,
נאָר אויבעט די גיכיקע
תפילות וואָס קומען
פון אונדזערע הערצער
מיט ציטער מיט פרומען.

איז דאַווענען, לויפן,
און גיך, קינענאַרע,
קענען מיר, ברוך השם,
פון אַ צרה,
עס ווענדט זיך נאָר ווער
ס׳איז דער מלאך ביים טויער,
ווען אונדזער געבעט
טוט דערגרייכן זיין אויער.

געהערט האָב איך זאָגן
אַן אַלטן זעבּרייער,
וואָס איז אין די זאַכן
אַ גרויסער פֿאַרשטייער,
אַז ליידער נישט שטענדיק
דער מלאך פֿון תּפֿילות
פֿאַרשטייט די זעבּרייאישע
פּירוש המילות.

און אויב, ווי עס טרעפֿט,
עס פֿאַרצוקן אונדז ציינער,
איז שולדיק דערין טאַקע
נאָר, ווײַזט אויס, איינער —
דער מלאך פֿון תּפֿילות,
וואָס קען נאָר העברעאיש,
ווײַל מיר, נעבעך, דאַווענען
בלויז אויף . . . זעבּרעאיש.

אַפּריל, 1962

די ערשטע זײַט

(מאָנאָלאָג פֿון אַ נײַעס־רעדאַקטאָר)

יונגערמאַן! הער אוים מיך גוט.
איך האָב בלויז עטלעכע מינוט.
דעריבער וועל איך לאַנג נישט בריִען
בײַם אַנטפּלעקן דיר דעם רעיון
און נאָך טיפֿערע באַדײַטונג
פֿון דער ערשטער זײַט פֿון צײַטונג.

דער ערשטער „קאָפּ" ער מוז אין אויג
אַ קלאַפּ טאָן הויך ווי אין אַ פּויק.
עס מוז די שורה אַ געשריי טאָן,
ווי אַ האָן אַ ווילדן קריי טאָן,
ווען ער טוט פֿאַרטאָג דערהערן
דאָס געזאַנג פֿון מאָרגנשטערן.

עס מוז די גאַנצע ערשטע זײַט —
מיט „קעפּלעך" שפּיציק און פֿאַרשײַט
און מיט ווערטער אָנגעגליטע,
ווי פֿון בליצן אויסגעשמידטע —
אויסגעטאַקט ווי פֿון אַ שניצער,
דערציילן אַלץ מיט שנעלסטן קיצור.

פֿון אַלץ וואָס טוט זיך אויף דער וועלט,
טייל־אוים, שפּיל־אויף, באַלײַכט דעם העלד
און ,להבדיל, דעם מחבל...
און, אין מוסטער פֿון אַ פֿאַבל,
מאַך די „קעפּ" מיט ווערטער... ווייניק,
אָבער ריטמיש, בינדיק, צייניק.

שפּאַן־איַין דאָס לעבעדיקסטע וואָרט
אין דער געשיכטע פֿון אַ מאָרד.
די מעשׂה פֿון אַ גוטער מאַמע
דערציייל מיט פֿײַער פֿון אַ דראַמע,
און די דראַמע פֿון אַ פֿײַער
מיט אַ „קאָפּ״ — אַ הימל־שרײַער.

און, דער עיקר, יונגערמאַן,
לאָז נישט אוים פֿון אויג דעם פּלאַן,
אַז די „קעפּ״ צונויפֿגעפֿירטע
זאָלן שפּאַנען אָרקעסטרירטע,
און ווי פֿרײַנט און גוטע שכנים
טאַנצן אַ באַלעט אינאיינעם.

פּאַרפּוץ אויך מיט אַ בילד צי צוויי
די ערשטע זײַט, ווײַל ווערסט דורך זיי,
ווי דורך אַ פֿענצטער, ווײַזן זאַכן,
וואָס מען קען אויף קיין שום שפּראַכן
זיי נישט טאָן אַזוי אַ שילדער
ווי מען קען דאָס טאָן מיט בילדער.

אַ בילד, דו האָסט מסתּם געהערט,
איז מער פֿון טויזנט ווערטער ווערט. [1]
איז דער זאָג פֿון שאַרפֿן מוח
אפֿשר ריכטיק, אָבער כּוח,
כּוח האָט אַ וואָרט און . . . ווונדער
מער פֿון צען מאָל הונדערט.

1) גלײַכוואָרט פֿון אַן אַלטן כינעזישן חכם.

און דעריבער שטעל דעם טראָפּ
אויף די ווערטער פֿון דעם „קאָפּ".
און געדענק, נישט מאַך אים לענגער
פֿון אַ שורה פֿון אַן ענגער,
העכסטנס צוויי... און היט דעם ניגון —
די ווערטער זאָלן זיך נישט קריגן.

און אויסער „קעפּ", גאָר וויכטיק איז,
אַז האָבן זאָל אויך הענט און פֿיס
די ערשטע זײַט און באַלאַנסירן
אַלע שאָטנס און קאָלירן,
און, פֿאַרשטייט זיך, נישט פֿאַרגעסן
אויך די שמייכלען פֿון מעת-לעת'ן.

געדענק, אַז ווען די ערשטע זײַט
דערציילט מיט פֿעטע „קעפּ" און שרײַט
פֿון גרויסע זאַכן און געמיינע,
טאָרן אינצידענטן קליינע
אויך נישט פֿעלן אין דער גאַמע
פֿון דער גאָט-געמענטשטער דראַמע.

און נאָך אַ זאַך פֿאַרזאָג איך דיר:
האַלט אַ שומר בײַ דײַן טיר,
ער זאָל העלפֿן דיך פֿאַרהיטן
פֿון די באָרוועסע באַנדיטן,
איך מיין די „קאַטשקעס", די פֿאַרברעכער,[2]
וואָס מאַכן אין די „קעפּ" דיר לעכער.

---

2) אַ „קאַטשקע" איז, אין צײַטונגס-לשון, אַ נישט געשטויגענע, נישט געפֿלויגענע מעשׂה.

אָט דאָס, בקיצור, איז דער „מוז",
די גאַנצע תּורה אויף איין פֿוס,
ווי עס דאַרף מיט טריט פֿאַרגיכטע
די טאָג-טעגלעכע געשיכטע
טרעפֿלען אויף די ערשטע זײַטן
אויף דעם לייטער פֿון די צײַטן.

זײַן וועט אָבער נישט קאָמפּלעט
מײַן לעקציע צו דיר, פּאָעט —
פּאָעט פֿון „קעפּ" און „אונטער-קעפּלעך" —
אויב איך וועל אַ צוויי-דרײַ טרעפּלעך
פֿון אַ גאַטונג פֿון אַ צווייטער
דיר נישט ווײַזן אויפֿן לייטער:

ווען ביסט אַרײַנגעטאָן און גאַפּסט
פֿון דעם געווערק, וואָס דו באַשאַפֿסט
מיט קאָפּ און האַרץ, מיט לײַב און לעבן,
באַשערט איז דיר, ווי מיר, דײַן רבין,
טאָג-איין טאָג-אויס בלויז אויסצוסטראָיען
אַן ע פּ ע מ ע ר י ש ן קיקיון.[3]

די ערשטע זײַט, די פֿרישע פּלאַנץ,
איז מאָרגן אַ פֿאַרוועלקטער קראַנץ,
אַ חלום בלויז. און וואָס געווען איז
הײַנט אַ קאָכעדיקע סצענע,
איז מאָרגן שוין אַן אָפּגעקילטע,
אַ חתונה אַן אָפּגעשפּילטע.

---

3) קיקיון איז די פֿלאַנץ פֿון יונה הנביא, וואָס האָט געלעבט בלויז איין טאָג (יונה, ד, ו).

נאָר וואָס איז כ׳לעבן, אייביקייַט
אין אונדזער גורל׳דיקער צייַט
פֿון אַטאָם־שטויב און פֿלי אין ספֿערן ?
אין אונדזער צייַט איז אויך אַ קרן —
אַן אומשטערבלעכקייט וואָס וואַגיקט
אַפֿילו מיט אַ קרוין אײַנטאָגיק.

מיר האָבן אָבער נאָך אַ קרוין,
וואָס איז, קען זייַן, דער גרעסטער לוין
פֿאַר אונדזער פֿלײַסיקן פֿאַרמעסט —
בייַ דער ערשטער זייַט אויף קעסט
עס זייַנען אַלע זייַטן שטענדיק...
יונגערמאַן ! איך האָב געענדיקט.

30

איר זעט דאָך

וואָס וואָלט איר געזאָגט, אַ שטייגער,
ווען עס זאָל אַצינד דער זייגער
פּלוצעם נעמען שלאָגן צוועלף,
און עס זאָל אַ באַנדע וועלף
דאָ אַרײַן מיט אַ געפּילדער
און אַ וואָיעניש אַ ווילדער.

— הער אַן אײַנפֿאַל! — הער איך, זאָגט איר,
— מען באַדאַרף צו אים אַ דאָקטאָר! —
און איר שמייכלט, קוקט אויף מיר,
נאָר פֿאַר׳גנב׳עט צו דער טיר
וואַרפֿט איר זײַטיק גיכע בליקן
אײַער מורא צו דערשטיקן.

טייל פֿון אײַך, איך הייב אָן גלייבן,
זײַנען גרייט זיך אויפֿצוהייבן,
נאָר זיי כאַפּן פֿלומרשט קלוג
אויף די זייגערלעך אַ קוק,
און פֿון זייגערס בײדע פֿינגער
ווערט זיי אויפֿן האַרצן גרינגער.

— פּו, צו מײַנע שׂונאים! — הער איך
איינעם טראַכטן בייז, — איך שווער אײַך,
ס'איז דער זייגער ווײַט פֿון צוועלף!
און וואָס שרעקט ער אונדז מיט וועלף!
ווייסעך וואָס ער האָט געפּלוידערט
און אומזיסט אונדז אויפֿגעשווידערט.

אָבער ניט כּדי צו שרעקן,
בלויז כּדי אײַך אויפֿצוּוועקן
(נישט פֿון שלאָף, חלילה, ניין),
נאָר מיט גאָר אַן אַנדער מיין
האָב איך אײַך געטאָן אַ סטראַשע
מיט מײַן אויסטערלישער קשיא.

כ'האָב געוואָלט דאָ איצט אַ פּרוּוו טאָן
זיך אַ שפּיל טאָן מיט אַ רוף טאָן
פֿון דער טיפֿעניש פֿון שפּראַך
אַ געשעעניש, אַ זאַך,
וואָס זאָל מיך און אײַך צעמישן
מיט אַ גראַמען־שפּיל אַ פֿרישן.

און אַצינד איך מוז אײַך זאָגן,
אַז דער משל וואָס פֿאַרטראָגן
האָט אַהער דער גראַמען־שפּיל,
האָט מסתּם דערגרייכט זײַן ציל:
ווײַל צעמישט בין איך אינגאַנצן
און די אויגן מײַנע טאַנצן.

איך בין שיכּור און צעטומלט
אַקוראַט ווי ווען אַנומלט
האָבן ווערטער זיך צעשפּילט
און דאָס האַרץ מיר אָנגעפֿילט
און איך בין פֿון זייער וויכער
עפּעס ווי געוואָרן איכער.

— איכער גאָר? וואָס מיינט ער? — פֿרעגט איר.
— וועמען נאַרט ער? וועמען שרעקט ער?
ווי איז מעגלעך מער פֿון איך?
קיינער איז ניט מער פֿון זיך?
פֿון דעם מענטשן רעדט אַ שד דאָך! —
איז מײַן ענטפֿער: נו, איר זעט דאָך!

אָבער זײַט מיך נישט מקנא,
ווײַל כאָטש יעדער מה נשתּנה
האָט אַ גוטן תּירוץ גרייט,
בלײַבט דאָך קיינמאָל נישט באַשיידט
די כּוונה פֿון דער לירע,
וואָס צעשפּילט דעם דיכטערס שירה.

און דעריבער שיק איך איצטער,
אין דער רגע דער צעבליצטער,
מײַנע וועלף צוריק אין וואַלד,
נאָר בעת דער פֿאַרהאַנג פֿאַלט,
זאָג איך אײַך מיט קול באַזאַכטן:
ס׳איז כּדאַי פֿון זיי צו טראַכטן.

יאַנואַר־פֿעברואַר, 1959

דער רעד־נאַר

(אַ כעלעמער מעשׂה)

גנוזעסן אַמאָל איז אַן עולם, געהערט
ווי איינער אַ רעד־נאַר האָט ביטער געטרערט,
באַדויערט „דעם מנהג אַזוי אומגערעכטן"
וואָס איטלעכער הײַנט ווערט אויף מאָרגן אַ נעכטן.

„איז רעכט דאָס ?" האָט ער בײַ דעם עולם געפֿרעגט
און האָט אַ צעקאָכטער די ווערטער געזעגט :
„אַ הײַנט וואָס איז מאָנטאָג צעהעלט און צעצונדן,
ווערט דינסטאָג אַ נעכטן, פֿאַרלאָשן, פֿאַרשווונדן !"

ווען ער וואָלט אַ דעה געהאַט אויף דער וועלט,
האָט ער נאָכאַנאַנד מיט דעם עולם געקנעלט
און אַלץ אויף דער זעלביקער טעמע געריטן,
„וואָלט איך, מײַנע פֿרײַנט, אַט דעם מנהג געביטן !"

ער וואָלט, האָט געזאָגט ער, קיין סך ניט געטראַכט,
דעם מנהג פֿון מאָרגן באַלד אונטערגעבראַכט,
„און דאַן וואָלט דער הײַנט זיך שוין מער ניט געענדיקט,
און דאָס וואָלט אונדז אַלע פֿאַרהײַנטיקט אויף שטענדיק !"

„ועל כּולם," האָט ער באַטאָנט און געזאָגט
און האָט מיט זײַן אײַנפֿאַל דעם עולם געלאָקט :
„דערפֿאַר וואָס דער הײַנט וואָלט געצויגן זיך יאָרן,
וואָלט קיינער מער קיינמאָל ניט עלטער געוואָרן.

„מיר וואָלטן געלעבט אין אַ שטענדיקן היינט,
די זון וואָלט כּסדר געלויכטן, געשיינט,
דאָס לעבן וואָלט אויפֿגעהערט זײַן אַ קורץ־פֿרײַטאָג,
געוואָרן אַ לאַנגער און ליכטיקער חי־טאָג!"

דער דאָזיקער אחרית־הימים געדאַנק
האָט אונטערגעהויבן פֿון אָרט, ווי געזאַנג,
און האָט אין די הערצער פֿון עולם געאַקערט,
אויף יעדערנס פּנים געברענט און געפֿלאַקערט.

געזען אַז די רייד זײַנע נעמען זיך אָן,
האָט ער ווי אַ קעניג, וואָס רעדט פֿון זײַן טראָן
און בלינצלט פֿון אויבן אַראָפּ ווי אַ חולם,
געגעבן אַ שטרענגן באַפֿעל צו דעם עולם:

„געניג אונדז צו פֿאָלגן דעם מנהג ווי שאָף,
זאָל יעדער פֿון אונדז זיך פֿאַרטאָיען אין שלאָף,
אין חלום פֿון היינט זיך פֿאַרטיפֿן פֿול־גלייביק,
און דאָס וועט פֿאַרטרײַבן דעם מאָרגן אויף אייביק!"

דער עולם האָט לאַנג ניט געוואַרט, ניט געטראַכט,
געשלאָפֿן, גע'חלום'ט אַ טאָג מיט אַ נאַכט.
און ווען ס'איז די זון דאָרט אַרײַן דורך די שײַבלעך,
געקומען אויף זיי איז אַ פֿרייד אומבאַשרײַבלעך.

„מיר האָבן געוווּנען, געזיגט, ליבע פֿריינט!"
געשטראַלט האָט דער רעד־נאַר, „ס'איז היינט נאָך, ס'איז היינט!
ניטאָ מער קיין נעכטן! דער היינט איז געבליבן!
מיר האָבן דעם מאָרגן אויף שטענדיק פֿאַרטריבן!"

נאָוועמבער־דעצעמבער, 1961

דער קעניג און דער ווינט

(גראָטעסק אין פינף קאַפּיטלען)

קאַפּיטל איינס: די חוצפה

געשען איז די מעשה אַמאָליקע צייַטן
אין עפּעס אַ לאַנד אַ טשיקאַווע און ווייַטן.
אין מיטן אַ יום-טוב און גרויסן פּאַראַד,
ווען ס׳איז דאָרט דער קעניג געגאַנגען מיט שטאַט
בראש פון די עלצטע פון פעלקער און שבטים
אַ ווינט איז באַפאַלן דעם קעניג און האָט אים
געריסן זייַן טראַכט און, צו אַלעמס דערשטוין,
אַראָפּגעכאַפּט פלינק בייַ דעם קעניג די קרוין.

פון קעניגס צעשטורעמטע צאָרן און שׂנאה
אַ ציטער געטאָן האָט די גאַנצע מדינה,
און מיט אַ דונער-און-בליצנדיק קול
געגעבן האָט ער אַ באַפעל אַז מען זאָל
ניט שפּאָרן קיין מיטלען, ניט שפּאָרן קיין וואָפן
די קרוין צו באַפרייַען און תיכף באַשטראָפן
דעם מורד במלכות, דעם חצוף דעם ווינט,
פאַר האָבן באַגאַנגען די שרעקלעכע זינד.

קאַפּיטל צוויי: דער נצחון

צו כאַפּן דעם ווינט און אין תּפיסה אים זעצן
אַרויסגעלאָזט האָבן זיך זעלנער מיט נעצן.
זיי האָבן געיאָגט אים אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
נאָר ער — מיט דער קרוין אויפן קאָפּ — האָט געלאַכט
און האָט זיך געטראָגן אָן שטער און אָן צוימען,
אַריבער דעם פּאַלאַץ, אַרייַן אין דעם קוימען
און ווידער אַרויס, און אין ווילדן געוועט
געגיכערט, געפלויגן צום ים ווי אַ שד.

ביים ברעג האָט געוואַרט שוין אַ שיף מיט מאַטראָזן,
וואָס האָבן אָן אָפּהאַלט די זעגלען צעלאָזן,
און ווי אין די זעגלען אַרײַן איז דער ווינט,
די שיף האָט גענומען זיך טראָגן געשווינט
צוריק צו דעם ברעג, ווו מיט חכמה מיט טיפֿער
עס האָבן באַוויזן די זאַלציקע שיפֿער
דעם ווינט צו פֿאַרשפּילן מיט וויץ און מיט שפּאַס
און האָבן אַרײַנגעניאַרט אים אין אַ פֿאַס.

און באַלד פֿון דער שיף מיט דעם גרויסן נצחון
זיי האָבן אַ יום-טוב געמאַכט אינדערוואַכן,
צום קעניג געטראָגן די קרוין אויף אַ טאַץ,
געקײַקלט די פֿאַס מיט דעם ווינט צו דעם פּלאַץ,
ווו פֿריילעך און מונטער געוואַרט האָט דער עולם
פֿון עלצטע און האַרן, פֿון שׂרים און גדולים,
צו זען ווי דער קעניג זײַן ווינט-קריג געווינט
און וואָס ער וועט טאָן מיט דעם מורד אַצינד.

קאַפּיטל דרײַ: אין פֿעסל

צוערשט האָט דער קעניג די קרוין אָנגענומען
און האָט זי באַטראַכט מיט אַ בליק מיט אַ פֿרומען.
דערנאָך, ווי מען דעקט-צו אַן אָפֿענעם טאָפּ,
אָנגעטאָן האָט ער די קרוין אויפֿן קאָפּ.
זײַן מינע געוועזן איז צופֿרידן און גליקלעך.
צוזאַמענגעשטעלט פֿון פֿאַרשיידענע שטיקלעך,
אַ שמייכל פֿון זיג האָט באַפֿאַרבט זײַן געזיכט
און ער האָט געשטראַלט מיט אַן אומהיימלעך ליכט.

דער עולם פֿון האַרן און עלצטע פֿון שבֿטים
האָט צוגעקוקט אַלץ מיט פֿאַרהאַלטענעם אָטעם,
דעם קעניג מיט יראת־הכּבֿוד באַטראַכט,
נאָר האָט זיך צעהירזשעט, צעהאָלדערט, צעלאַכט,
(די פּיסק אַזש געבריקעט אַזוי ווי אַ טשער׳דע),
ווען ס׳האָט זיך דער קעניג מיט כּלומרשטער ווערדע
געווענדט און געפֿרעגט בײַ דעם ווינט אין דער פֿאַס
אויב ס׳איז אים, חלילה, ניט ענג און ניט נאַס.

דערנאָך האָט דער קעניג, שוין שטאַרק בגילופֿין,
געקלאַפּט מיט די פֿינגער אין פֿאַס און גערופֿן:
— שטיי אויף! קום אַרויס און דײַן כּוח באַווײַז!
וואָס ווילסטו, אַ קרוין? אָט האָסטו זי, רײַס!
וואָס ליגסטו פֿאַרשמאַכט אַזוי, פֿלאַטערער, שוועבער? —
דער קעניג דעם ווינט האָט גענומען די לעבער.
— דו ביסט דאָך אינגאַנצן פֿון פֿליגל געמאַכט! —
גע׳חוזק׳ט האָט ער, און דאָס פֿאָלק האָט געלאַכט.

קאַפּיטל פֿיר: די עצה

דער ווינט אָבער האָט אַזוי לאַנג דאָרט געשוויגן,
אַז ס׳האָט שוין דער קעניג געטראַכט אַז אַ ליגן
מען האָט אים געזאָגט און געמאַכט פֿון אים שפּאַס,
און רעדן ער רעדט צו אַ ליידיקער פֿאַס...
האָט ער די חכמים גערופֿן, גענייט זיי
אים תּיכּף צו זאָגן, אים גיבן אַן עצה
ווי זאָל ער באַשטימען ער איז ניט גענאַרט
און וויסן — דער ווינט איז אין פֿעסל פֿאַרשפּאַרט.

די שטערנס פאַרקנייטשט און די אויגן פאַרכמאַרעט,
עס האָבן דעם קעניגס חכמים געסטאַרעט
זיך גיכער צו טראַכטן, ווייַל איבער זיי האָט
געהויערט די שווערד פון דעם קעניגס געבאָט.
און איינער פון זיי, נאָך אַ גאָר יונגער טראַכטער,
געוואָרן דערפון איז אַזאַ אָפּגעשוואַכטער,
אַז ס'האָט זיך דער קאָפּ אים פאַרדרייט פון דער מי,
און טראַכטן גענומען האָט ער מיט די קני.

און באַלד טאַקע האָט ער, דער קניִאישער חכם,
געגעבן אַן עצה, וואָס פאַר אים און נאָך אים
איז קיינעם פון זיי ניט אַרויף אויפן זין —
אַז כאַפּן מען זאָל אַ פאַרהונגערטע בין,
אַרייַנלאָזן זי אין דער פאָס דורך אַ לעכל,
פאַרהאַקן די עפענונג באַלד מיט אַ בלעכל,
און תיכּף דערנאָך וועט די בין מיט איר שטיפט
שוין מאַכן אָנמעכטיק דעם ווינט מיט איר גיפט.

— דערנאָך וועט מען נעמען דעם ווינט און אין קייטן
אים שמידן און ברענגען צום קעניג אַ גרייטן
צו קריגן די ריכטיקע שטראָף פאַר זייַן חטא! —
האָט ווייַטער דער קניִאישער חכם גערעדט
פון אייַנפאַל וואָס ער האָט פאַר זיי אויסגע'שׂכל'ט.
און אַלע חכמים, פון חכמה צעשמייכלט,
זיי האָבן באַוווּנדערט זייַן שיינעם געדאַנק,
געטאַנצט אַרום אים און געלויבט מיט געזאַנג.

קאפיטל פינף: דער פייף

ווען ס׳האט פון דעם איינפאל דער קעניג דערוווּסט זיך,
האט ער פון התפעלות און פרייד אזש פארהוסט זיך,
געזאגט אז מען טאר נישט פארלירן קיין צייט
און באלד טאקע נעמען זיך פירן דעם שטרייט,
און ער מיט זיין אייגענעם כבוד וויל בייזיין,
ווען ס׳וועט פון דער פאס אונדזער ווינט זיך באווייזן
(די פליגל מיט גיפט פון דער בין אפגעבריט)
און ווערן אין אייזערנע קייטן געשמידט.

מ׳האט אנגעגרייט אלץ לויט דעם קעניגס געבאטן
און פונקט ווי עס האט זיי דער חכם געראטן.
דאס הארץ האט פאראוים שוין געטאנצט פון דעם שפאס.
נאר ווען מ׳האט א לעכל געמאכט אין דער פאס,
האט פלוצעם דערהערט זיך א פייף ווי אן אויפרייס,
ווי ס׳וואלטן צעבלאזן זיך טויזנטער שופרות —
אנטקנוילט ווי א ריזיקע, קרויזיקע שלאנג,
דער ווינט איז ארויס פון זיין ענגן געפאנג.

ער האט זיינע פליגל צענומען, צעשפרייט זיי,
און גנעדיק דעם חכם באדאנקט פאר זיין עצה;
די בין ווידער האט ער געגעבן א בלאז
און זי איז דעם קעניג ארויף אויף דער נאז,
ווו זי האט א בייזע געגעבן א שטאך אים —
געזאלבט אים פאר איינעם פון יענע מלכים,
וואס ווי נאר מען זעט זייער נאז, מען דערקענט:
דער ווינט האט געגעבן זיי איבער די הענט.

מאי, 1958

דער פויער און דער גאָפּל

(אַ פֿאַבל)

שפּאַצירט האָט אַ ז אַמאָל מיט אַ ג
געזען ווי אַ וואָלקן פֿאַרפֿינצטערט דעם הימל,
און אונטערן פֿינצטערן הימלשן ריז
אַרבעט אַ פּויערל, פֿאַלט פֿון די פֿיס.

ער וואַרפֿט דאָס געשניטענע היי פֿון זײַן פֿעלד
אַרויף אויף אַ וואָגן און זידלט און שעלט
דעם וואָלקן, וואָס סטראַשעט פֿאַרנעצן, אוי ווײ,
זײַן פּראַצע, דאָס שווער־אָנגעשניטענע היי.

— אוועק! — האָבן בײדע, די ג און ז,
גענומען צום פֿינצטערן וואָלקן־ריז שרײַען.
— ווי קענסטו פֿאַרטראָגן דעם פּויערלס צער?
דו וואַסערדיק האַרץ! דו . . . דו . . . הימלשער נאַר!

זײ האָבן מיט בײזן, מיט גוטן געפּרוווט,
נאָר ער האָט אַלץ מערער געדריקט אויף דער לופֿט,
גענידערט כּסדר אַראָפּ און אַראָפּ,
געשוווּמען אַ שווערער שוין איבערן קאָפּ.

געזען אַז ס׳איז שלעכט און געזען אַז ס׳איז ביטער,
עס האָבן די קעמפֿער פֿאַר יושר ,די ריטער,
די אותיות צוויי, זיך באַטראַכט אַזוי לאַנג
ביז ס׳האָט זײ געגעבן אַ בליץ אַ געדאַנק:

זיי האָבן די העלדזער די שמאָלע פאַראייניקט,
פאַרשטײַפּט אין אַ שטעקן אַ לאַנגן, פאַרבייניקט,
און זײַנען מיט זייערע האַלבע לבנות
געוואָרן אַ גאָפּל מיט ציין פון ליצנות.

און גיכער פון דעם ווי אַ האָן גיט אַ קריי,
דער גאָפּל, דער לץ, האָט פאַרנומען דאָס היי
און האָט עס צום פויער אין שײַער געבראַכט
איידער עס האָט זיך דער וואָלקן צעקראַכט.

אין אָוונט, דערהויבן און פריילעך געשטימט,
ווען ס'פויערל האָט פאַר זײַן ווײַב זיך באַרימט
ווי ער האָט באַוויזן דעם וואָלקן באַזיגן,
די אותיות האָבן געהערט, נאָר געשוויגן.

נו זאָל ער, זיי האָבן געטראַכט, זײַן אַ העלד.
אַ דאגה! אַזוי איז שוין שטענדיק די וועלט
ווו יעדערער טוט רק נאָך העלדישקייט בענקען.

דעם פויערל קען מען געוויס ניט פאַרדענקען,
ווײַל ער האָט דאָך טאַקע פון גאָרניט געוווּסט.

און ווידער, ווער האָט דען דערפון אַ פאַרלוסט
וואָס עפּעס אַ פויער דערציילט, איבערטרײַבט —
צו ווערן אַ העלד בײַ זײַן אייגענעם ווײַב?

אויגוסט, 1960

ר׳ אלתר פיש

(עקסטראוואגאנץ אין נײַן נומערן)

נומער אײנס: אַ בלאַט

— דו האָסט געזען, מײַן פרײַנד, די מעשׂה נורא,
וואָס ער האָט דאָ אָנדערצײלט, דער שפּאַסער? —
עס האָט געזאָגט אַמאָל אַן אַלטער פיש
צו זײַנעם אַ באַקאַנטן פיש אין וואַסער.

און באַלד האָט ער געוויזן אים אַ בלאַט,
אין לשון פון די פיש, דערצו אין גראַמען,
פאַרפאַסט פון אײנעם פון די גרויסע פיש־פּאָעטן
אין דער טיפעניש פון ים׳ען.

נומער צוויי: ווער־איז־ווער

נאָר אײדער איך דערצײל אײַך ווײַטער,
מוז איך מאַכן דאָ אַן איבערבײַס צו מעלדן,
אַז קודם־כל וועט בעסער זײַן איך זאָל
אַ ווער־איז־ווער דאָ גיבן פון די העלדן:

דער אַלטער פיש, דער ערשטער העלד,
מען דאַרף נישט זײַן קײן גרויסער טרעפער דאָס צו וויסן,
הײסט אַלתר פיש — אַ פיש וואָס האַלט זיך יונג,
איז כּלומרשט גוט, נאָר אוי, איז ער פאַרביסן!

וואָס שײך דעם באַקאַנטן זײַנעם, קען מען זאָגן —
ער איז סתּם אַ תּם אין שופן,
און אַשר תּם ער הײסט מסתּם, דער תּם, דערפאַר
וואָס ניט ער שווימט, נאָר טוט זיך שטופּן.

דער דריטער ווידער, דער פּאָעט, וואָס אַלתר פיש
האָט דאָ גענומען אים באַריידן,
איז טאַקע דאָרט אַ גרויסער פיש־פּאָעט,
נאָר האַלטן האַלט ער זיך באַשיידן.

און נאָך אַ זאַך איך דאַרף דאָ זאָגן וועגן אים,
דעם זינגער פֿון דער טיף, דעם שפּיגל,
אַז הייסן הייסט ער פֿלעדערפֿיש, ווײַל גאָט
האָט אים געבענטשט מיט פֿלעדערן ווי פֿליגל.

נאָר נוצן קען ער זיי, די פֿלעדערן, בלויז דעמאָלט
ווען עס רוט אויף אים די שכינה,
אַזוי איז ער אַ פֿיש ווי אַלע פֿיש,
וואָס וואוינען אין דער טיף פֿון דער מדינה.

ער מישט זיך נישט קיין סך, בטבע שווײַגט ער גאָר
און איז אין זיך פֿאַרטאָן, פֿאַרזונקען,
נאָר קומט אויף אים די ריכטיקע מינוט,
צעשפּילט ער זיך און ווערט אַ שטראָם פֿון פֿונקען.

אַ ליכטיקער, ער גיט זיך פֿון די וואַסערן
אַ רים אַרויס און פֿליט דערגרייכן,
און שלינגט אַ דאָרשטיקער די ווערטער
פֿון דער בשׂורה וואָס מען שיקט אים פֿון די הייכן.

נומער דרײַ: ר׳ שמעון און דער שטראַלפֿיש

דאָס זײַנען זיי, די העלדן מײַנע, נאָר מיט זיי
איז ווײַט ניט אויסגעשעפּט דאָס צעטל —
עס זײַנען אַנדערע פֿאַראַן נאָך דאָרטן פֿיש
מכּל המינים אין דעם שטעטל.

נאָר זיי וועל איך באַשרײַבן נאָך דער ריי,
אויב קומען וועלן זיי אַהער צושווימען;
בלויז איינעם נאָך דערמאָנען מוז איך דאָך פֿאַראויס —
אַ וואַלפֿיש, וואָס מען רופֿט ר׳ שמעון.

ר׳ שמעון איז אַ פֿיש, וואָס שווימט אַרום
ים־אויס ים־איַין און זאַמלט־אָן די בלעטער,
אויף וועלכע אויסגעוויילטע פֿיש דערציילן מעשׂיות
אָדער זינגען פֿון דעם וועטער.

דערנאָך צעזינגט ער זיך אַליין און עפּטערס
ער צעשרייַט זיך אויפֿן קול, טוט שטראָפֿן,
אַז דער־און־דער פּאָעט פֿון ים האָט גוט געזאָגט
און דער־און־דער האָט נישט געטראָפֿן.

נאָר שאַ! כ׳האָב נאָך אַ פֿיש, וואָס מוזן מוז איך
אים דערמאָנען דאָ אַצינד — אַ **שטראַלפֿיש**,
ווייַל אָן אים קען ר׳ שמעון גאָרניט טאָן אין ים,
און קען כּמעט נישט זייַן קיין וואַלפֿיש.

און **שטראַלפֿיש** רופֿט מען אים דערפֿאַר
וואָס אין די שופּן זייַנע גליט אַ ליכט, אַ שימער,
וואָס העלפֿט ר׳ שמעונען צו זוכן אין דער טיף
די שיינע בלעטער פֿון די שווימער.

און איצטער אַז איר קענט זיי שוין און ווייסט
אַ ביסל וועה און וואָס דאָ אין מיַין שפּיל איז,
מיר קענען שווימען שוין צוריק צום אָנהייב
פֿון ר׳ אַלתּר׳ס גלאַטינקע רכילות.

נומער פֿיר: רכילות

איז האַלטן מיר איצט ווידער ווי ר׳ אַלתּר רעדט,
באַרעדט דעם פֿלעדערפֿיש און שאַבט אים,
נאָר מאַכן מאַכט ער עס מיט אויגן־גלאַצעניש,
פֿאַרקערט, ער לויבט אים און... באַגראָבט אים.

— ער קען, — זאָגט אַלתּר פֿיש, ער קען דער פֿלעדערוויש,
זײַן לשון איז געשיקט, געראָטן,
די מעשׂה אָבער שטאַמט נישט פֿון דעם ים,
מען האָט זי פֿון דער הייך אים גאָר געבאָטן.

— אַ שאָד וואָס דאָ בײַ אונדז מיר האָבן נישט
קיין פֿישעלעך קיין יונגע מער צו הערן
די מעשׂיות וואָס דער פֿלעדערוויש־פּאָעט
כאַפּט־אויף און ברענגט אַהערצו פֿון די שטערן.

— פֿלעדערוויש האָסטו געזאָגט ? דו מיינסט אוודאי
פֿלעדערפֿיש, דו מיינסט ,דעם דיכטער ! —
האָט אָשר תּם געזאָגט צו אַלתּרן, צו ווײַזן אים
אַז ער איז אַ פֿאַרריכטער.

— ניט וויש האָב איך געזאָגט, נאָר פֿיש, ר׳ אָשר !
פֿלעדערפֿיש האָב איך געזאָגט, מײַן חכם ! —
ר׳ אַלתּר פֿיש האָט זיך אויף אים, דעם תּם,
צעקאָכט און גיבן שוין געוואָלט אַ שטאָך אים.

— אזוי זשע רעד ! איך הער, איך הער ! —
האָט אָשר תּם זיך באַלד געכאַפּט, — איך הער, ר׳ אַלתּר !
איז וואָס זשע, זאָגסטו, האָט ער אָנדערציילט
דאָ אויף דעם בלאַט, דער פֿלעדערפֿיש צעשטראַלטער ?

נומער פֿינף: חרטה

דערהערט צעשטראַלטער, האָט ר׳ אַלתּר
זיך דערשראָקן און געהאַט האָט ער חרטה —
עס קען אים נאָך דער פֿלוידערזאַק, דער תּם,
מיט זײַנע רייד פֿאַרפֿירן אין אַ בלאָטע.

דער אמת איז, קיין קריטיקער האָט אַלתּר
טאָקע נישט געשטרעבט און נישט געהאָפֿט צו ווערן;
אַ דיכטער זײַן האָט ער אַוודאי און אַוודאי
קיינמאָל נישט געטאָן באַגערן.

פֿאַרקערט, ער האָט אין טיפֿעניש פֿון האַרץ
געהאַסט די חברה און באַטראַכט מיט ביטול,
נאָר ערגעץ־ווו צו זײַן אַ וויכטיקער פּאַרשוין
איז דאָס געווען בײַ אים אַ מיטל.

עס האָט געשמייכלט אים, געררייצט צו גילטן
ווי אַ שיינגײַסט בײַ די פֿיש, אַ קענער,
געטראַכט: ס'איז בעסער דאָך ווי צווישן אַלע פֿיש
צו זײַן אַ טוצן פֿאַר אַ צענער.

דעריבער האָט אים באַנג געטאָן, געקרענקט,
דער שמועס מיט דעם שוטה פֿון די טײַכן,
עס האָט אים נישט געפּאַסט, ר' אַלתּרן,
צו ריידן מיט דעם תּם ווי מיט אַ גלײַכן.

— צוריקגעשמועסט, — האָט ר' אַלתּר פֿיש
גענומען שווימען אויף צוריק און דרייען,
— איז אָט די מעשׂה אפֿשר טאָקע אָנגעמאָסטן
פּונקט פֿאַר דיר! נאַ, לייען!

— אַוודאי! — האָט ר' אָשר תּם דערפֿרייט
אַ כאַפּ געטאָן דעם בלאַט בײַ דעם פֿאַרניכטער,
כאָטש ניט געכאַפּט האָט ער דעם שטאָך,
וואָס אַלתּר האָט געגעבן אים און אויך דעם דיכטער.

נומער זעקס: געסט

וועןֿ אָשר תּם האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין בלאַט
און איז אין אים געוואָרן ווי פֿאַרפֿאַלן,
איז אָנגעשוווּמען פּונקט אַהין ר׳ שמעון וואַלפֿיש
מיט זײַן שותּף מיט די שטראַלן.

דער שטראַלפֿיש האָט געגליט, ווי ס׳איז געווען
זײַן שטייגער ווען ער פֿלעגט אַ בלאַט דערשפּירן —
אַ גוטער סימן פֿאַר ר׳ שמעונען,
ער וועט דעם בלאַט שוין נישט פֿאַרלירן.

דערזען די געסט געהויבענע, האָט באַלד
ר׳ אַלתּר פּיש דערשמעקט אַ שעת־הכּושר
צו ווערן בײַ די „קאַרפּן־קעפּ״ אַ חשוב
און אַ מבֿין און אַ פּיש מיט יושר.

אַ כאַפּ געטאָן האָט ער דעם בלאַט בײַ אָשר תּם
און איז געשוווּמען זיי אַנטקעגן.
— דאָ האָט איר עס, דעם מײַסטערס ווערק, —
האָט ער אַנטציקט זיך, ווי זיי וואָלטן בײַ אים פֿרעגן.

— איך האָב עס דאָ געפֿונען, — האָט ר׳ אַלתּר
זיך געקאַכט, — אַן אמת׳ע מציאה!
איך זאָג אײַך, ליבע פֿרײַנט, — האָט ער געליגנערט, —
איך באַטראַכט עס טאַקע פֿאַר אַ זכיה!

— איך האָב שוין אָקאָרשט דאָ גערעדט דערפֿון
מיט אים, און ער, ר׳ אָשר תּם, אַפֿילו,
האָט אײַנגעשטימט מיט מיר אַז פֿלעדערפֿיש
האָט אונדז געשענקט אַ נײַע ים־מגילה.

אזוי האָט זיך ר׳ אַלתר פֿיש אַלץ מער
צעוואַרעמט און צעלאָזט, געלאָזט זיך הערן,
דערצו בכלל געלויבט, אויף טעלערלעך צעלייגט,
די שיינע מעשׂיות פֿון די שטערן,

מיט וועלכע „אונדזער פֿלעדערפֿיש פּאָעט, —
האָט ער געזאָגט, — איז אונדז מזכּה,
און ברענגט אַהער אין ים דעם הימלס פֿאַרב
מיט גראַמען ליכטיקע, געשמאַקע״.

נומער זיבן: די מאָדנע שטראָף

ר׳ אָשר תּם האָט אַלץ געהערט און נישט געוווּסט
צי זאָל ער וויינען צי גאָר לאַכן;
געוואָרט האָט אויך ר׳ שמעון אַז דער אַלתּר נודניק
זאָל דאָס מויל זײַנס שוין פֿאַרמאַכן.

אויך אַלתּר פֿיש אַליין האָט שוין געוואָלט,
נאָר נישט געקענט דעם שטראָם פֿון רייד פֿאַרהאַלטן:
עס האָט געוואָרט אויף אים אַ מאָדנע שטראָף —
דער קאָפּ האָט זיך גענומען בײַ אים שפּאַלטן.

קיין ווייטיק פֿון דער שפּאַלטונג האָט ר׳ אַלתּר
נישט געפֿילט, ס׳איז נאָר געווען אַ וווּנדער.
געוואָרן איז אים שלעכט, ווען יעדער העלפֿט פֿון קאָפּ
געוואָרן איז אַ קאָפּ באַזונדער.

און יעדער מויל פֿון יעדן פֿון די צווילינג־קעפּ
געהאַלטן האָט פֿאַר זיך אַ דרשה,
און אַלץ וואָס ס׳האָט געזאָגט דער צדיק־קאָפּ,
געלייקנט האָט דער קאָפּ, דער רשע.

די אומגעדולד ביי אשר תּם, ר׳ שמעון וואָלפֿיש
און זיין שותּף מיט די שטראַלן
איז באַלד אַוועק, זיך אָפּגעטאָן,
ווייל איטלעכער פֿון זיי געוואָרן איז אַ בעלן

צו זען מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן
און ווער עס וועט געווינען די דעבאַטע,
וואָס ביידע קעפּ, ר׳ אַלתּרס, האָבן דאָרט געפֿירט
מיט טענות היציקע און בלאַטע.

— דער אמת׳ער פֿישיסט בין איך, ניט ער! —
האָט אַלתּרס קאָפּ גע׳טענה׳ט אַ צעצווייטער.
— און ער איז בלויז אַ פֿיש-עק, נישט קיין קאָפּ,
אַ פֿינצטערלינג, אַ מוח אַ צעדרייטער.

נומער אַכט: אַ רחמנות!

נאָר יעדער זאַך, די שענסטע און די וויציקסטע,
דערעסט, ווערט נמאס אין סך-הכּל;
און צוגעגעסן האָט זיך אויך דעם דרייִלינג אונדזערן
דער וויציקער ספּעקטאַקל.

און נישט נאָר דאָס, עס האָט זיי אָנגעכאַפּט
אַ צווייאַיִקער רחמנות אויף דעם שוטה,
וואָס איז שוין איצט, מיט זיינע ביידע קעפּ,
געוועזן נישט נאָר אַ נאַר, נאָר אויך אַ חוטא.

און מוזן מוז איך זאָגן איַיך און מודה זיין,
ס׳איז טאַקע שוין די צייַט געקומען
צו ראַטעווען און העלפֿן אים, דעם טאָפּל-קאָפּ,
און אים זיין טאָפּל-מויל פֿאַרשטומען.

און ווי איך טראַכט אַזוי און טראַכט,
פֿאַרטיף זיך אין דער זאַך, בייג־איַין דעם קאָפּ, די פּלייצע,
איך הער די העלדן מיַינע, פּונקט ווי איך,
באַראָטן זיך און טראַכטן פֿון אַן עצה.

— וואָס טוט מען? — הער איך ווי ר׳ שמעון וואַלפֿיש
פֿרעגט אַן אומגעדולדיקער, פֿאַרצווייפֿלט.
— ווי שטעלט מען אָפּ דעם שטראָם פֿון שלעכטס,
וואָס איז שוין איצט ביַי אים אויף נאַרישקייט גע׳כּפֿל׳ט?

דער שטראַלפֿיש שוויַיגט, ער טראַכט נאָך אַלץ און טראַכט.
מען זעט ער האָט רחמנות אויף דעם נפֿש,
פֿאַרטיפֿט אין שוויַיגעניש איז אויך ר׳ אָשר תּם,
דער נאַרישער ני־בע ני־מע פֿיש.

און אַלתּר פֿיש? ער רעדט נאָך אַלץ מיט ביידע מיַילער,
רעדט און קריגט זיך, כאָטש ער פֿילט שוין —
ער האָט דאָ מיט זיַין נאַרישקייט געגריַיזט
און ביידע וועלטן זיַינע דאָ פֿאַרשפּילט שוין.

נומער ניַין: דער סוף

נאָר לעבן אַלע וואַסער־חברה׳ניקעס,
וואָס געבראַכט אַהין האָט זיַין בייז־וווּנדער,
האָט אַלתּר פּלוצעם אויך דערזען
עס שווימט אַרום דער פֿלעדערפֿיש באַזונדער.

פֿון שרעק האָט זיך ביַי אַלתּרן דער עק פֿאַרדרייט,
געדריקט די קעפּ ווי צוויי מאַראַנצן,
און ווען ער האָט זיי אָפּגעלאָזט,
האָט אַלתּר ווידער שוין געהאַט אַ קאָפּ אַ גאַנצן.

ער איז שוין אָבער נישט געווען דער זעלבער פֿיש,
וואָס האָט בײַם אָנהייב דאָ געשעענדיקט —
זינט עק האָט אים מיט שרעק פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל
און שטום געמאַכט אויף שטענדיק און אויף שטענדיק.

ר׳ שמעון וואַלפֿיש און דער שטראַלפֿיש
האָבן מערער נישט געוואָרט, דעם בלאָט גענומען
און זײַנען אין דער טיפֿעניש פֿון ים
מיט אים אויף גיך, אויף גיך אַוועקגעשוווּמען.

ר׳ אָשר תּם האָט לאַנג געקוקט פֿאַרגאַפֿט
און סוף־כּל־סוף האָט ער זיך אָפּגעטראָגן,
און נאָך אים האָט ר׳ אַלתּר פֿיש זיך באַלד
אַ ריר געטאָן און אים געוואָלט דעריאָגן.

און פֿלעדערפֿיש, וואָס איז געבליבן דאָרט פֿאַרשטאַרט,
געוואָרט מיט טרויער אין די אויגן,
האָט דעמאָלט פֿון דער הייך דערהערט אַ רוף
און איז אַ ליכטיקער ארויסגעפֿלויגן.

אָקטאָבער־נאָוועמבער, 1958

מיטוואָך

אַ חקירה וועגן דעם אָפּשטאַם פון אַ פאָלקס־ווערטל, אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

און איצט אַז איר האָט אויסגעהערט די אַלע שיינע רייד,
אַ פּראָסטן מיטוואָך אָנגעטאָן מיט יום־טוב׳דיקער פרייד,
איז קלאָר שוין ווי אַזוי עס איז אַריין אין אַלטן זאָג
דער מיטוואָך וואָס גיט־צו דעם יאָר אַן איבעריקן טאָג.

איך האָב אַ סך געפּאָרשט, געדאָרשט און ניט געקענט דערגיין
ווי קומט דער צולאָג צו דעם יאָר און וואָס עס איז זיין מיין,
נאָר איצטער האָב איך זיך דערטראַכט און קען גיין אין געוועט
אַז אויסגעקליבן האָט מען אים, ווייל ער איז דער פאָעט.

ער שטייט אין מיטן וואָך אַליין און אין זיין אויג אַ טרער
אויף דעם וואָס גייט אַוועק פון אים און וועט ניט זיין שוין מער;
און מיט אַ ציטער אין זיין האַרץ, וואָס פרעפלט און וואָס ברומט,
ער קוקט פאָראויס צו נייע טעג און האָפט אויף דעם וואָס קומט.

דעריבער איז ער אין דער וואָך פאַראיינזאַמט אין זיין וויי,
פוןביידע זייטן פרעגט מען זיך: איז ער מיט אונדז, מיט זיי?
ביים ערשטן צד איז ער אַ טאָג וואָס דאַרף ערשט ווערן גרויס,
ביים צווייטן צד איז ער אַ טאָג וואָס איז פאַרביי, שוין אויס.

און ווען מען האָט אַמאָל געוואָלט פאַרלענגערן דאָס יאָר
און מאַכן לענגער מיט אַ טאָג, עס איז געוואָרן קלאָר,
אַז מיטוואָך דאַרף עס זיין דער טאָג, ווייל ער איז דאָך אַליין,
אַז מיטוואָך, דער פאָעט פון וואָך, ער דאַרף ביי סוף דאָרט שטיין.

נאָר לעצטנס האָט מען זיך געכאַפּט, אַז אויך אַפילו דאָרט
ער איז געוואָרן משה־גרוים, פאַרנעמט שוין צופיל אָרט,
מען טענה'ט: אויב מען טרײַבט אים ניט (און אפשר איז דאָס וואָר?)
ער קען נאָך מיינען אַז ער איז... אַ מיטוואָך מיט אַ יאָר.

הכּלל, ס'איז שלעכט, מען ראַנגלט זיך, מען טראַכט, און ווי איר זעט,
מען ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט אים, דעם מיטוואָך, דעם פּאָעט;
און צווישן ביידע פײַערן, וואָס ברענען אים די טריט,
ער טוט דערווײַלע זײַנס און זינגט און יום־טוב'ט מיט זײַן ליד.

נאָר סוף־כּל־סוף עס וועט די וועלט דאָך קומען צום פאַרשטאַנד,
אַז פּונקט ווי פינגער פינף עס האָט און האָבן מוז די האַנט,
אַזוי אויך קען זיך ניט באַגיין אָן מיטוואָכ'ס קול די וואָך,
ווײַל ער איז דאָך איר מיטלפּונקט און ברענגט אַרויס איר תּוך.

ער צעמענטירט די ערשטע טעג, די האָרעפּאַשנע דרײַ,
מיט יענע צוויי וואָס גרייטן זיך צום שבת פון דאָס נײַ;
ער איז די בריק, וואָס איבער איר צונויפגעפאָרט עס ווערט
דער עבר מיט דעם עתיד און... דער הימל מיט דער ערד.

אָקטאָבער, 1958

*) געלייענט מיטוואָך, דעם 29טן אָקטאָבער, 1958, בײַ דער פּ. ע. ג. קלוב פײַערונג פון מײַן 60טן יובל און צום דערשײַנען פון מײַן בוך חלום עליכם, אין אַטראַן־הויז, ניו־יאָרק.

דער טײַוול און פּײַוול דער בעקער

אָדער

פֿאַניע פּלאַם און פֿאַניע גראַם

שפּיל אין צוויי טײלן

V

אַ פֿרייד אָבער איז אויך דאָס באַקן אַליין,
ווײַל לא על הלחם לבדו

דער טײַוול און פּײַוול דער בעקער

צײכענונג פֿון יצחק פֿרידלענדער

דער טײַוול און פּײַוול דער בעקער
אָדער
פאַניע פלאַם און פאַניע גראַם

שפּיל אין צוויי טיילן

ערשטער טייל: דער טײַוול און דער בעקער

ערשטע סצענע: דער בעקער

צווייטע סצענע: דער טײַוול

דריטע סצענע: דועט פֿון די גראַמען

פֿערטע סצענע: EXIT

צווייטער טייל: פאַניע פֿלאַם און פאַניע גראַם

ערשטע סצענע: דער בעקער

צווייטע סצענע: דער פֿרעמדער

דריטע סצענע: די טובה

פֿערטע סצענע: אין רויכיקן שטורעם

פֿינפֿטע סצענע: דועט צווישן שד און פּאָעט

זעקסטע סצענע: EXIT

די העלדן

דער פּאָעט (פֿאַניע גראַם)

ר׳ פֿײַוול דער בעקער

דער טײַוול (פֿאַניע פֿלאַם)

די מוזע

באַגלייטער פֿון טײַוול (אינו נראה)

דער טײַוול און פֿײַוול דער בעקער

אָדער

פֿאַניע פֿלאָם און פֿאַניע גראָם

ערשטער טייל

דער טײַוול און דער בעקער

ערשטע סצענע: דער בעקער

איך וויל פֿאַר אײַך איצטער צעוויקלען אַ שפּיל
מיט גראַמען פֿון פֿידל און גלעקער
און ווײַזן אײַך דורך אַ פֿאַרכּישופֿטער בריל
אַ מעשׂה פֿון פֿײַוול דעם בעקער.

די טענער פֿון פֿידל זיי וועלן צום גראָם
דערציילן פֿון בעקער ר׳ פֿײַוול,
די גלעקער, צעהוידעט מיט פֿײַער און פֿלאָם,
זיי וועלן דערציילן פֿון טײַוול.

איז נעם איך צום ערשטן דעם פֿידל און גיב
פֿאַמעלעך אַ פֿיר מיט דעם בויגן,
און פֿײַוול דער בעקער, ער טוט מיר צוליב
און גיט זיך אַ ווײַז פֿאַר די אויגן.

אָט שטייט ער פֿאַרטאָן און ער קנעט און ער קנעט
דאָס טייג פֿאַר די חלות און זעמל.
די נאַכט איז פֿאַרגאַנגען שוין ווײַט, עס איז שפּעט,
אין אויוון עס גליִאיקט אַ פֿלעמל.

ער טוט די מלאכה געשיקט און געניט
און אויך מיט דער פֿרייד פֿון המצאה,
און ווען ער ווערט פֿאַרטיק, ער ניגונט אַ ליד,
מען זעט אַז עס טוט אים הנאה.

זײַן ניגון צעפֿליגלט זיך, זעגלט צום טאַקט
מיט גראַמען מיט שענסטע פֿון פֿידל,
פֿון ברויט וואָס ער מישט און ער קנעט און ער באַקט . . .
אַ פֿײַער עס שפּילט אין זײַן לידל;

אַ פֿײַער וואָס באַקט אים און סודות פֿאַרטרויט,
בײַם ליכט פֿון לבנה און שטערן,
עס דאַכט זיך אים אויס ער אַליין איז אַ ברויט,
פֿאַרקנאַטן פֿון שפּיל און פֿון טרערן —

געבאַקן פֿון בעקער הגדול אַצינד
אויף יום-טוב און אויף אינדערוואָכן,
צו שטילן דעם הונגער פֿון זקן און קינד
נאָך שיינקייט און שפּיל און בטחון;

אַ הונגער וואָס איז ניט געוואָרן פֿאַרברענט
בײַ יענע פֿון פֿײַער אַנטרונען,
וואָס האָבן אים לאַנג מיט פֿאַר'חלש'טע הענט
געזוכט אויף דער וועלט און . . . געפֿונען.

צווייטע סצענע: דער טײַוול

מײַן פֿידל שפּילט ווײַטער די גראַמען און ער,
ר' פֿײַוול דער בעקער, ער רוט ניט,
אַ טיפֿע כּוונה איך זע און איך הער
אין אַלץ וואָס ער טוט און ער טוט ניט.

נאָר פּלוצעם אין אויוון ער קוקט טיף אַרײַן
און פֿאַרשט מיט פֿאַרטײַעטע אויגן,
און ס'פֿאַלט אויף זײַן פּנים אַ העלישע שײַן,
וואָס שטעלט-אָפּ דעם פֿלי פֿון מײַן בויגן.

דערשראָקן פֿון דעם וואָס ער זעט דאָרטן איצט,
ער שטייט ווי פֿאַרגליווערט, דער בעקער,
און טיף אין דעם אויוון עס דונערט און בליצט,
עס הערט זיך דאָס קנאַלן פֿון גלעקער.

די גלעקער זיי ליאַרעמען היים און געשווינד,
ווי ס'וואָלט זיי אַ שטורעם געהוידעט,
אין דרויסן עס הערט זיך דאָס בילן פֿון הינט . . .
מײַן שפּיל ווערט מיט שאָטנס פֿאַר'סוד'עט.

אין שאָטן, צום גראַם פֿון די גלעקער, עס קומט
אַרויס פֿון דעם אויוון דער טײַוול,
ער שטייט ווי אַ פֿלאַמיקער ריז און ער ברומט
און קוקט אויף דעם בעקער ר' פֿײַוול,

וואָס ליגט אַ פֿאַרשטאַרטער, פֿאַרשמאַכט אויף דער ערד,
און זעט ניט ווי ס'ציט דער ניט-גוטער
אַרויף אויף זיך קליידער, אַ היטל און ווערט
אַ סוחר, אַ מענטש אַ באַרוטער.

זײַן רויכיקער אָטעם פֿאַרנעפּלט מײַן בריל,
פֿאַרלעשט באַלד דאָס פֿײַער פֿון גראַמען,
און איבערגעברענט ווערט דער פֿאָדעם פֿון שפּיל
פֿון פֿרעמדנס פֿאַרקאָפּטשעטע פֿלאַמען.

דריטע סצענע: דועט פֿון די גראַמען

שפּעטער, ווען אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ פּלעט,
עס האָט זיך ר׳ פֿײַוול דער בעקער,
עס האָבן געפֿירט צווישן זיך אַ דועט
די גראַמען פֿון פֿידל און גלעקער.

דער פֿידל האָט ווידער, ווי פֿריִער, פֿאַרטראַכט,
די גראַמען באַצויבערט געזונגען,
נאָר דעמפּיק, פֿאַרשלייערט מיט שאָטנס פֿון נאַכט,
עס האָבן די גלעקער געקלונגען.

פֿאַרקליידט ווי אַ סוחר, פֿון שאָטן אַרויס
עס איז דער ניט-גוטער, דער טײַוול . . .
אַ ציטער געטאָן האָט דער אויוון, דאָס הויז,
נאָר ניט אונדזער בעקער ר׳ פֿײַוול.

דער בעקער האָט גיך, אין געיעג מיט דער צײַט,
געשיבערט אין אויוון די ברויטן,
גערעדט צו דעם פֿרעמדן, וואָס האָט בײַ דער זײַט
געשטאַרט מיט אַ בליק מיט אַ רויטן.

ר׳ פֿײַוול

ווער ביסטו, וואָס ביסטו, וואָס איז דײַן באַגער?
ענטפֿער מיר, זאָג, זײַ זיך מודה.
פֿאַרוואָס ביסטו, פֿרעמדער, געקומען אַהער
מיר שטערן צו טאָן מײַן עבודה?

איך זע ביסט אַ סוחר... אין מיטן דער נאַכט?
וואָס האַנדלסטו, פֿרעמדער, מיט שאָטנס?
אויב יאָ, האָט אומזיסט דיך דײַן וועג איצט געבראַכט:
מײַן ברויט איז מיט שטראַלן פֿאַרקנאָטן.

פֿרעמדער

גערלאַסן, ר׳ פֿײַװל, און זײַט ניט אין שרעק,
ניטאָ װאָס צו קלאַפּן טרעװאָגע.
איך װעל אײַך פֿאַרענטפֿערן אַלץ װאָס איר פֿרעגט,
נאָר לאָמיר דאָס טאָן בהדרגה.

ר׳ פֿײַװל

דו קענסט אפֿשר װאַרטן, אויף מיר ברענט די הויט,
אַט־אָט און די נאַכט װעט אַנטרינען.
דער טאָג קומט באַלד אָן, און מען װאַרט אויף מײַן ברויט.
אוי, פֿרעמדער, דו טרײַבסט מיך פֿון זינען.

פֿרעמדער

איך טרײַב אײַך ניט, בעקער, פֿון זינען. פֿאַרקערט,
דעם שׂכל הישר אײַך װײַזן
בין איך איצט געקומען, װײַל איך האָב דערהערט
אַ בשׂורה פֿון העברעע קרײַזן.

ר׳ פֿײַװל

אַ בשׂורה פֿון העברעע קרײַזן פֿאַר מיר?
װער ביסטו? װאָס טרײַבסטו ליצנות?
איך קען דיך ניט, אָבער אין האַרצן איך שפּיר
דו האָסט ניט קיין ריינע כּוונות.

דו רופֿסט מיך בײַם נאָמען, װי װאָלסט מיך געקענט,
און װערן דו װילסט מײַן באַשיצער,
איז ריר זיך, דערצייל, װײַל די צײַט בײַ מיר ברענט,
דערצייל, אָבער מאַך עס בקיצור.

מען װאַרט אויף מײַן ברויט און אין דרויסן שוין טאָגט,
און איך האָב אַזוי פֿיל צו טאָן נאָך,
מײַן נאַכט אָבער שעה׳ען אויף באַקן פֿאַרמאָגט
נאָר ביז ניט געקרייט האָט דער האָן נאָך.

פּרעמדער

מען וואַרט אויף איַיך, זאָגט איר, ר׳ פּיַיוול, ווער וואַרט?
זיַיט מוחל, איר לעבט אין אַ טעות.
צו לאָזן איַיך וויסן, אַז איר זיַינט גענאַרט
און גלייבט אין אַ זאַך וואָס ניטאָ איז,

אַט דאָס בין איך טאַקע געקומען אַצינד,
געוואָלט מיט אַ וואָרט, מיט אַ רמז,
איַיך היילן די אויגן און מאַכן אוים בלינד
מיט שמאַרציקן קריַיטעכץ פֿון אמת.

ר׳ פּיַיוול

איך האָב ניט געזאָגט אַז מען וואַרט דאָ אויף מיר,
אַ, פּרעמדער, מיט אויער גענאַרטן,
נאָר קלאָר און בפּירוש געזאָגט האָב איך דיר:
מיַין ברויט, אויף מיַין ברויט טוט מען וואַרטן.

נאָר ווי קענסטו, פּרעמדער, דען וויסן, פֿאַרשטיין,
און ווי קענסטו זיַין גאָר אַ מבין
אויף דעם ווי עס שטיַיגט און ווי טיף איז דער מיין,
די שמחה וואָס וואַקסט ווי אויף הייוון —

פֿון באַקן דאָס ברויט און אויך וויסן דערביַי,
אַז עמעצער דאַרף עס און וויל עס?
מיַין האַרץ שוועבט דערפֿון אַזוי הויך, אַזוי פֿריַי,
און זינגט דאַן די שענסטע פֿון תּפֿילות.

און דאָס וואָס דו זאָגסט אַז אין טעות איך לעב,
אַז שאָטן-געשטאַלטן בלויז זע איך,
איך גלייב דיר ניט, פּרעמדער, פֿאַרנעם זיך, פֿאַרשוועב,
עס טראָגט פֿון דיַין אמת אַ ריח.

פֿרעמדער

דער ריח פֿון אמת, ר׳ פֿײַוול, איז האַרב
און מיאוס ווערט אויך פֿאַר די אויגן
זײַן נאַקעטער גוף, ווען די פֿאַלשקייט פֿון פֿאַרב
פֿאַרלאָזט אים, פֿאַרשווינדט פֿון די אויגן.

איך מיין אָבער בלויז אײַער טובה, דאָס גאַר,
כאָטש איר טוט, ר׳ פֿײַוול, מיך יאָגן,
נאָר וויפֿל עס זאָל אײַך ניט שמאַרצן די וואָר,
פֿונדעסטוועגן מוז איך אײַך זאָגן:

אַז איך בין דער איינציקער סוחר געווען
אויף יענעם יאַריד פֿון ירידה,
נאָך וועלכן עס זײַנען, איך האָב עס געזען,
געבליבן נאָר שוואַכע און מידע,

פֿאַר וועמען עס לוינט אײַך [redacted] ניט פּטר׳ן מער
קיין כּוחות, ווי איר טוט אַצינדער,
און איך בין דעריבער געקומען אַהער
אײַך וואָרענען: זײַט ניט קיין בלינדער.

ווײַל יענע פֿאַר וועמען איר באַקט אײַער ברויט,
די קונים די ווײַטע און שכנים,
זיי זײַנען ניטאָ מער, זיי זײַנען איצט טויט,
איר באַקט שוין איצט מער ניט פֿאַר קיינעם.

ר׳ פײַוול

אַ ליגן! זאָל װערן דײַן גאָרגל פֿאַרקלעמט
מיט דעם װאָס דו װילסט מיך פֿאַרברענען!
דאָס פֿײַער װאָס קומט פֿון דײַן מויל איז מיר פֿרעמד!
איך קען ניט און װיל דיך ניט קענען!

אַפֿילו אויב קײנער זאָל מער צו מײַן שװעל
ניט קומען מיט ברויט זיך צו קװיקן,
איך װעל עס אַלײן באַקן און שיקן איך װעל,
איך װעל אויפֿן װאַסער עס שיקן.

אַװדאי, דער בעקער, ער באַקט מיט דעם מײן
דאָס ברויט צו פֿאַרקויפֿן, אַװדאי!
אַ פֿרײד אָבער איז אויך דאָס באַקן אַלײן,
װײַל לא על הלחם לבדו. *)

דײַן מאַסקע פֿון גוטסקײט האָט מיך ניט פֿאַרבלענדט
און אויך ניט דײַן הכמה פֿון שטרויזאַק.
איך האָב מיט די אויגן פֿון האַרץ דיך דערקענט
און זע ביסט אַ נאַקעטער חוזק.

דעריבער, ר׳ חוזק, דו סוחר פֿון שלעכטס,
הער אויס װאָס איך װיל דיר איצט זאָגן:
דײַן סחורה פֿון יאוש, דאָס טרײפֿע געקעכטס,
איז ניט פֿאַר מײַן כשר׳ן מאָגן.

איך לאַך פֿון דיר, פֿרעמדער, און טרײף איז בײַ מיר
דײַן טובה װאָס קומט אומגעבעטן!
אויב טראָגסט זיך ניט אָפּ טאַקע שױן, װעל איך דיר
דעם קאָפּ מיט דער לאָפּעטע פּלעטן.

---

*) דברים ח, ג

אַרומבינדן וועל איך דײַן קאָפּ ווי אַ קרויט,
דיך זאַלבן פֿאַר חוזק המלך,
און דיך מיט דער לאָפּעטע, פּונקט ווי אַ ברויט,
אין אויוון אַרײַנשיבן וועל איך.

(דער חוזק האָט טיף אים געגעבן אַ שניט,
דעם פֿרעמדן, פֿון עק ביז די הערנער,
ער האָט קעגן בעקער געברענט און געגליט
און טייטן געהאַט אַ באַגער, נאָר —

ער האָט זיך געכאַפּט אַז ער טאָר דאָס ניט, ניין,
ווײַל ער האָט אויף דעם ניט קיין שליטה,
און ער האָט דעריבער געקריצט מיט די ציין
מיט ווערטער פֿון חוזק צעגליטע:)

פֿרעמדער (צום בעקער)

אַזוי גאָר! אין אויוון? איך בעט אײַך, ר׳ ייִד
אַזוי ווי מען בעט אַ רוצח!
ס׳איז דאָרט אַ גיהנום, עס בראָט און עס בריט! . . .
דעריבער . . . אַליין אַהין גיי איך!

(שטילער, צו זיך אַליין)

ווײַזט אויס אַז איך האָב ניט געטראָפֿן אַצינד
די ריכטיקע צײַט אים צו נעמען.
גיי מאַך, אַז דער מענטש איז פֿאַרגלייבט אַזוי בלינד,
פֿאַר׳עקשנ׳ט און האַרט ווי אַ קרעמען!

(בײַם סוף פֿון די רייד האָט דערהערט זיך אַ לאַך,
ווי עפּעס אַ קול ניט־פֿון־דאַנען,
נאָר ווער ס׳האָט געלאַכט אויף דער בליציקער שפּראַך,
דער פֿרעמדער האָט, ווײַזט אויס, פֿאַרשטאַנען;

ווײַל באַלד נאָך דעם בליציקן, וויציקן ברען,
אַ דריי געטאָן האָט זיך דער רשע
צו איינעם, וואָס נאָר ער אַליין האָט געזען,
געהאַלטן פֿאַר אים אָט־די דרשה:)

פֿרעמדער

און דיר, מײַן באַגלייטער, וואָס שטייסט בײַ מײַן זײַט
מיט שמייכל אויף ליפּן פֿאַרפֿרוירן,
איך זאָג דיר דו שמייכלסט דערווײַל פֿאַר דער צײַט:
איך האָב נאָך מײַן וועט ניט פֿאַרלוירן.

איך האָב בלויז, ווי זאָגט מען, פֿאַרלוירן אַ שלאַכט,
נאָר וועל די מלחמה געווינען,
איך האָב שוין אַ נײַע סטראַטעגיק פֿאַרטראַכט:
ער וועט שוין פֿון מיר ניט אַנטרינען.

וואָס איר ווייסט אין הימל, ווייס איך פּונקט ווי איר,
דערפֿאַר אָבער ווייס איך פֿיל בעסער
די וועגן אויף דרערד . . . ווו מען עפֿנט אַ טיר
אַפֿילו צו הערצער אויף שלעסער.

ווען איך האָב אין הימל געפּירט מײַן געפּעכט,
איך זאָג דיר, איך האָב ניט באַלאַקעט,
איך וועל נאָך באַווײַזן אַז איך בין גערעכט
און ווײַזן דעם בעקער אײַך נאַקעט.

נאָך הײַנט בײַ דער נאַכט וועל איך טאָן אַ צעשמעלץ
די ווילדע עקשנות פֿון בעקער,
און זען וועט דער הימל עס איז אין אַ פּעלץ
פֿון תמימות געוויקלט זײַן שקר.

איך זאָג דיר איך וועל נאָך געווינען מײַן וועט...
אויך אים, וואָס האָט דאָ אַ צעקוועלטער
דורך מויל פֿון דעם בעקער פֿון מיר אָפּגעשפּעט,
באַווײַזן וועל איך ווער ס'איז עלטער.

(העכער, צום בעקער)

נאָר איידער איך עפֿן פֿון אויוון די טיר
און גיי, ווײַל עס הייבט שוין אָן טאָגן,
זײַט וויסן, ר' פֿײַוול, איר וועט נאָך פֿון מיר,
נאָך האָבן צו זינגען און זאָגן.

איך גיי איצט אַוועק און וועל אויפֿמאָנען שׂכר
פֿאַר דעם וואָס איך האָב דאָ פֿאַרשווענדיקט,
מיט אײַך אָבער, בעקער, פֿאַר'עקשנ'טער נאַר,
מיט אײַך האָב איך נאָך ניט געענדיקט.

פֿערטע סצענע : EXIT

און אַט מיט די רייד איז אין אויוון אַרײַן
דער פֿרעמדער און ס׳האָבן די גלעקער
צעקלונגען זיך ווילד און געלאָזן אין פּײַן,
פֿאַרגאַפֿט און דערשראָקן דעם בעקער,

וואָס האָט אין דעם אויוון געקוקט און געזען
מיט אויגן פֿון טרויער צעצונדן —
אַז היים איז דער אויוון נאָר ליידיק געווען :
דאָס גאַנצע געבעק איז פֿאַרשוווּנדן.

דערשראָקן געוואָרן איז אויך מן־הסתּם
און תּיכּף געוואָרן אַנטשוויגן
דער פֿידל וואָס האָט מיט אַ לירישן גראַם
געשפּילט דעם פֿאַרנעפּלטן ניגון.

עס האָבן נאָך אָבער פֿאַרשטיקטע געקריגט,
געברומט די דערצאָרנטע גלעקער,
געוואָרנט : דער פֿרעמדער וועט קומען צוריק
צו פּלאָגן ר׳ פֿײַוול דעם בעקער.

דער גלאָקישער ברום האָט פֿאַרפֿינצטערט מײַן בריל
און אַלץ איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן,
נאָר איבערגעבליבן אַ וואָרט איז פֿון שפּיל,
וואָס וואַרט אויף זײַן גראַם אין זכּרון.

צווייטער טייל

פאַניע פלאַם און פאַניע גראַם

ערשטע סצענע: דער בעקער

ר׳ פּיַוול דער בעקער האָט לאַנג ניט פאַרגעסן
די מעשׂה פון יענער צערודערטער נאַכט,
ווען ס׳האָט אים דער פרעמדער גערייצט און געפרעסן
מיט פלאַמען פון שׂנאה און חוזק געמאַכט.

נאָר מערער פון אַלץ האָט צערודערט דעם בעקער
דער אופן ווי ס׳האָט זיך דער פרעמדער געשיידט,
ווען ער איז צום קלאַנג פון צעהוידעטע גלעקער
אַרײַן אין דעם אויוון מיט ביטערע רייד,

און איבערגעלאָזט אים אַ ווייטיק, אַ טרויער,
וואָס ער האָט פאַרלוירן דאָס גאַנצע געבעק;
און ס׳האָבן נאָך לאַנג אים געזשומעט אין אויער
דער שאָדן, דער חוזק דורך נעכט און דורך טעג.

נאָר ביסלעכווײַז, ווי ס׳איז די טבע פון מענטשן,
עס האָט אויך דעם בעקער די שכחה געהיילט,
און ער האָט אפילו אַליין ניט געקענט שוין
זיך גלייבן די מעשׂה וואָס ער האָט דערציילט.

און ווײַטער געבאַקן האָט ער מיט התמדה,
ווי מ׳האָט אים זײַן אַרבעט פון הימל פאַרטרויט,
צו באַקן, אויב יאָ אָדער ניט אין דער מאָדע
עס איז דער געשמאַק פאַר זײַן הייליקן ברויט.

און דעמאָלט איז ווידער צום בעקער געקומען
דער טײַוול, ווי ער האָט אים מתרה געווען,
און ווידער האָט ער זיך צום בעקער גענומען,
ווי מיר וועלן ווײַטער דאָס הערן און זען.

צווייטע סצענע: דער פרעמדער

מײַן בריל צינדט זיך אָן ווי אַ שויב אין פֿרימאָרגן
מיט שירה און וועלונג פֿון נפֿש כּל חי,
און בּיסלעכווײַז רוקט זיך אַרויס פֿון פֿאַרבאָרגן
ר׳ פֿײַוול דער בעקער אין זײַן בעקערײַ.

דערבײַ גיט אַ רעיון אַ פֿאָך מיט די פֿליגל
און שוועבט מיט אַ קשיא אַרײַן דורך דער טיר:
צי איז ניט דער בעקער אַ בילד אין אַ שפּיגל,
און קוק איך אויף אים אָדער ער קוקט אויף מיר?

נאָר איידער איך טו נאָך באַווײַזן אַ טראַכט טאָן
און זוכן אַ תּירוץ, דער רעיון פֿאַרשווינדט,
ווײַל ערגעץ־ווו, ווי פֿון אַן עולם־התּחתּון,
דערהער איך דעם בייזן געברום פֿון אַ ווינט.

און תּיכּף דערנאָך כאַפּט אַרום מיך אַ פֿיבער,
אַזוי ווי אַ שטורעם צעבויטעט דעם ים,
און באַלד איך דערזע: איבער מיר שטייט אַ גיבור
און זאָגט מיר מיט חוזק אין קול: „**פּאַניע גראַם**!

„וואָס קוקסטו מיך אָן מיט אַ פּנים פֿאַרמעלטן
און שרעק אין די אויגן, דערקענסט מיך ניט, וואָס?
דו מיינסט דאָך דו ביסט אַ באַשאַפֿער פֿון וועלטן,
און דאָך ביסטו איצט אַ דערשראָקענער האָז!

„און אפשר דערקענסטו מיך יא, נאר דערשלאגן
עס קוקט איצט אויף מיר דיין דערשראקן געזיכט,
ווייל ס׳האט דיך דער פידל פון גראמען פארטראגן
און איך בין געקומען צו דיר אומגעריכט.״

אזוי האט ער לאנג מיך מיט ווערטלעך געשטאכן,
גערדראט מיט די הערנער, גערדרייט מיטן עק,
נאר איך, כאטש אין אנגסטן, געהאט האב בטחון —
ער רעדט, דער ניט־גוטער, נאר ער וועט אוועק.

פונדעסטוועגן איז מיין טשיקאוועס געשטיגן:
וואס איז ער געקומען און וואס איז זיין ציל?
נאר איך האב די פראגע געדולדיק געשוויגן,
געטראכט: זאל ער זאגן אליין וואס ער וויל.

דריטע סצענע די טובה

דער סוף איז געווען איך האב טאקע דערוואַרט זיך
ביז ער האט געזאגט מיט פארשטשעמטע ציין:
„איך זע ביסט אן עקשן, האסט ווילד איינגעשפאַרט זיך,
דו פרעגסט ניט . . . נו, וועל איך דיר זאגן אליין:

„איך וויל ביי דיר בעטן א טובה . . . איך שווער דיר,
און הערסטו, עס קען אמאל קומען דערצו,
אין לויף פון די יארן וואס זיינען באשערט דיר,
ביי מיר א געפעליקייט בעטן זאלסטו.

„איך זע אויף דיין פנים דעם קנייטש פון א שמייכל,
דו צווייפלסט, כאטש וויסן עס דארפסטו ווי איך:
ניט שטענדיק עס קאכט זיך דער טאפ לויטן שׂכל
ביי אונדז אין דער קיינמאל־ניט־זיכערער קיך.

„למשל, אַט קענען מיר אַל׳ מײַנע פּלאַמען
ניט נוצן פֿאַר עפּעס וואָס איך האָב פֿאַרטראַכט . . .
ווען דו אָבער באַרגסט מיר דײַן פֿידל פֿון גראַמען
ניט מער ווי אויף עטלעכע שעה אין דער נאַכט,

„איך וואָלט אַ מאַנקאַליע, וואָס האָט מיך באַזעסן,
באַפֿרידיקט . . . דערצו אויך געוווּנען אַ וועט,
און דיר וואָלט איך קיינמאָל די הילף ניט פֿאַרגעסן.
אָט דאָס, פֿאַניע גראַם, איז די זאַך וואָס איך בעט.״

איך

מײַן פֿידל פֿון גראַמען? וואָס קען ער דיר ניצן?
איך הער ווי דו גראַמסט גאָרניט שלעכט, פֿאַניע פּלאַם!
מײַן פֿידל וואָס איך שלאָג אַרויס פֿון אים בליצן,
אין אַנדערע הענט קען ער ווערן אַ תּם.

ער

כ׳האָב אָבער געוווּסט אַז אַזוי ווּעסטו זאָגן!
אײַ קען איך די גאווה, די גענג פֿון דײַן קלאַן!
נאָר לאָמיר דאָס לאָזן. ס׳איז שפּעט. אָט נעמט טאָגן.
איז שלאָג מיר ניט איבער און הער אויס מײַן פּלאַן:

ווען איך האָב געבעטן דו זאָלסט מיר אַנטלײַען
דײַן פֿידל פֿון גראַמען, געמיינט האָב איך נאָר
בלויז דאָס וואָס אין חכמת־השיר מיינט דער רעיון —
דער קפֿיצת־הדרך פֿון וואָרט מעטאַפֿאָר.

מיט אַנדערע ווערטער, קענסט האַלטן דײַן פֿידל,
נאָר שפּילן אויף אים זאָלסטו הײַנטיקע נאַכט
אַ דראַמע אין גראַמען, אַ מעשׂה׳דיק לידל,
וואָס איך וועל דיר הייסן, וואָס איך האָב פֿאַרטראַכט.

דער העלד פֿון דער דראַמע איז איינער אַ בעקער,
וואָס זאָג איך אַ העלד? ניט קיין העלד נאָר אַ יאָלד!
איך האָב אים באַוויזן אַז ער לעבט אין שקר,
געגעבן אים עצות און העלפֿן געוואָלט;

ער זאָל זיך אויף אומניציק ברויט ניט פֿאַרשווענדן,
איך האָב אים געוואָרנט, גערעדט אויך אינטים,
ער זאָל זיך ניט נאַרן, ניט לאָזן פֿאַרבלענדן
פֿון ליכט וואָס עס שטראַלט פֿון די ברויטן אויף אים;

נאָר ער איז אַן עקשן, וואָס לאָזט זיך ניט דינען,
עס האָט ניט געהאָלפֿן וואָס איך האָב גערעדט,
און אויב איך באַווײַז ניט דעם נאַר צו באַזינען,
איך וועל איבער אים נאָך פֿאַרלירן מײַן זועט.

אָט דאָס איז די טובה, און איצטער נעם זינגען,
און אויב דאַרפֿסט דײַן מוזע, איך האָב זי דאָ גרייט:
איך האָב זיך באַוואָרנט, אין פֿאַל ועסט זיך דינגען,
און האָב זי געכאַפּט און געבראַכט אויף אַ קייט.

פערטע סצענע: אין רויכיקן שטורעם

ווען איך האָב דערהערט אָט די גראָבע דיבורים,
זיי האָבן געגעבן אַ שניט ביזן ביין,
און באַלד טאַקע האָב איך אין רויכיקן שטורעם
דערזען ווי זי שטייט און דערהערט איר געוויין.

דאָס בילד האָט פֿאַרנעפּלט מיט שרעק מײַנע אויגן
און איך בין געוואָרן אַ פֿויגל אין ווינט,
וואָס איז אויף די פֿליגל פֿון הפֿקר געפֿלויגן,
פֿאַרשטויסן, פֿאַרגליווערט, אָן ווילן און בלינד.

איך ווייס ניט ווי לאַנג ס'האָט די שרעק מיך פֿאַרשטויסן,
נאָר ווען איך בין ווידער געקומען צו זיך,
איך האָב בײַ דעם אָפּשײַן פֿון ליכטיקן דרויסן
געזען אַז בײַם בעקער אין אויוון בין איך.

„ר' פֿײַוול! ר' פֿײַוול!" איך האָב זיך צעשריגן,
„וואָס וואַרט איר? קומט גיכער און נעמט מיך אַרויס!"
מײַן רוף אָבער האָט אין מײַן גאָרגל געשוויגן
אינאיינעם מיט אַלץ אין דער שטילקייט פֿון הויז.

און ווען איך בין איבער די גליִאיקע ציגל
אַרויס פֿון דעם אויוון צוריק אויף דער פֿרײַ,
די וואַנט פֿון מײַן חדר געווען איז אַ שפּיגל,
געוויזן דעם בעקער אין זײַן בעקערײַ.

און דעמאָלט פֿון שפּיגל האָט ווידער דער רעיון
די קשיא געפֿרעגט און אַ תּירוץ געבראַכט:
אַז איך בין דער בעקער אין דער בעקערײַ און —
אַז פּונקט ווי איך אים, ער האָט מיך אויסגעטראַכט.

פינפטע סצענע: דועט צווישן שד און פאעט

דער טאָג איז אריבער אַ טויבער, אַ שטומער,
האָט גאָרניט גערעדט און האָט גאָרניט געהערט,
בלויז שאָטנס פון ווערטער עס זיינען ארום מיר
געפלויגן און אָטעם פון שירה באגערט.

און שפעטער, ווען איך האָב מיין פידל גענומען,
געוואָלט אין די ווערטער אריינשפילן פרייד,
דער פרעמדער איז ווידער אַ הייסער געקומען
און איך האָב געהערט ווי עס קלימפערט אַ קייט.

דער קלימפער ער האָט מיר דערציילט אַז געפאַנגען
איז אַלץ נאָך און ווײנט אין דעם פרעמדנס רשות
די טרוימערין שטילע פון מיינע געזאַנגען,
וואָס זי איז מיין מוזע און איך בין איר מת.

פרעמדער

איך העה, פאָניע גראָם, אַז דיין פידל איז דומפיק,
עס גייט דיר ניט, קענסט זיך ניט געבן קיין ריר,
עס קומען די ווערטער ארום ביי דיר שטומפיק,
ווען הערסט ניט די סודות וואָס קומען פון איר.

איך

וואָס ווילסטו, וואָס בילסטו, פאַרדאַרבער און שרעקער,
און וואָס ביסטו אויסן, וואָס שטייט דיר אין קאָן?
וואָס לאָזט דיך ניט רוען ר' פייוול דער בעקער,
וואָס גייט דיר אין לעבן אים טובות צו טאָן?

וואָס אַרט דיך וואָס ער טוט, ווי דו מיינסט, זיך נאַרן
און פּטר׳ט זײַן צײַט אויף צו באַקן זײַן ברויט ?
געפּאַסט וואָלט דיר גיכער אַזוינס גאָר צו גאַרן,
דאָך זײַן אַ בעל־טובה דו קריכסט פֿון דער הויט.

פֿרעמדער

איך האָב עס דיר צוויי מאָל, יאָ צוויי, געטאָן זאָגן,
פֿונדעסטוועגן הערן דאָס קומט דיר אָן שווער ;
געמיינט האָב איך בלויז אַז דײַן קאָפּ איז געשלאָגן,
איצט זע איך געשלאָגן איז אויך דײַן געהער.

איך וועל עס דעריבער דערמאָנען דאָ ווידער
ר׳ פֿײַוול דעם בעקער און דיר, זײַן פּאָעט,
אַז ער מוז זײַן ברויט, אָדער דו דײַנע לידער
פֿאַרוואַרפֿן, איך זאָל ניט פֿאַרלירן מײַן וועט.

דעם בעקער אַליין, זע איך, קען איך ניט צווינגען,
ווײַל ער איז פֿאַרפּאַנצערט אין דײַן אײַנגעווייד,
אויף דיר אָבער האָב איך אַ בײַטש זיך צו דינגען :
די טרוימעריין דײַנע בײַ מיר אויף דער קייט.

איך

איך ווייס ניט ווער ברומט איצט אַרויס פֿון דײַן שאַרבן,
צי רעדט עס דער רשע, צי פּלוידערט דער נאַר :
עס קלינגט ווי דו וואָלסט מיר באַפֿוילן צו שטאַרבן,
און אויב כ׳וועל ניט פֿאָלגן, כ׳וועל שטאַרבן דערפֿאַר.

דו רעדסט פֿון אַ וועט וואָס דו ווילסט ניט פֿאַרלירן . . .
מיט וועמען דו זאָלסט זיך ניט האָבן געוועט,
איך זאָג דיר איך וועל זיך ניט לאָזן פֿאַרפֿירן,
ווײַל ווערט ער אוים בעקער, ווער איך אוים פּאָעט.

פֿרעמדער

אָט דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט פֿון דיר הערן,
און גוט וואָס האָסט ענדלעך דעם אמת דערזען,
ווײַל דיך האָב איך טאַקע געמיינט צו באַקערן,
דער בעקער, ער איז בלויז אַ משל געווען.

איך האָב זיך געוועט, ווײַל געווען בין איך זיכער,
אַז איך וועל עס גיבן דיר גרינג צו פֿאַרשטיין:
ווען זינגסט דײַנע לידער און שרײַבסט דײַנע ביכער,
זאָל זײַן אין אַ לשון ווי קלוג און ווי שיין —

עס ווערן די ווערטער פֿאַרלאָשן אין דעמער
און אויעדן האָבן פֿאַר דיר בלויז די ווענט,
דעריבער געפֿינען דו מוזט פֿאַר דיין זמר
אַ לשון וואָס גליט אָבער ווערט ניט פֿאַרברענט.

איך

דײַן לייטער פֿון חוצפּה שטײַגט העכער און העכער,
איך לאַך פֿון דיר, פֿרעמדער, איך לאַך, פּאַניע פּלאָם,
ווײַל פֿול איז דער זאַק פֿון דײַן לאָגיק מיט לעכער,
ווי פֿול איז מיט לעכער דער קאָפּ פֿון אַ תּם.

ווי גרינג ביַי דיר גליטשט זיך אַראָפּ פֿון די ליפּן,
איך זאָל מיר געפֿינען אַ לשון אַ נייעם,
דורך וועלכן מײַן זמר, ווי מעל, זאָל זיך זיפּן,
פֿאַרלירן זײַן דעמער, אַרויסקומען ווײַס.

ס׳איז פּונקט ווי זאָלסט זאָגן דעם טיגער אַז ער זאָל
אויף מעקען פֿאַרבײַטן זײַן ברילִיק געשריי,
און אויך ווי פֿאַרלאַנגען דו זאָלסט אַז דער בער זאָל
ניט ברומען אויף בעריש, נאָר גיבן אַ קריי;

ווי וועלן די טויב זאָל אויף טויביש ניט טערטלען,
נאָר זשומען און זשוזשען אַזוי ווי אַ פֿליג:
באַפֿעלן דעם וואָלף ניט צו וואָיען, נאָר צערטלען
זײַן קול און צו מעקען אַזוי ווי אַ ציג;

ווי הייסן דעם הימל אַז ער זאָל ניט בלוי זײַן,
ווען ער איז פֿון זון אָדער שטערן צעשטראַלט,
און פּונקט ווי באַפֿעלן דעם הירש ער זאָל פּויזען,
ווען ער ווערט געיאָגט פֿון אַ טיגער אין וואַלד.

פּרעמדער

געגווג מיט פֿאַרגלײַכן. איך כאַפּ שוין דײַן טענה.
פֿאַרגעס אָבער ניט אַז ביַי מיר אין רשות
געפֿינט זיך אַ משכּון, די טרוימערין דײַנע,
וואָס זי איז דײַן מזל און דו ביסט איר מזל.

איך

איך האָב ניט פֿאַרגעסן, איך בענק נאָך איר רעיון,
וואָס צויבערט מײַן לשון, דערהייבט מיך פֿון שטויב,
נאָר פּונקט ווי זי מיך, קען איך זי ניט באַפֿרײַען,
כּל־זמן דו פֿאַרשטעלסט מיר דאָס ליכט פֿון מײַן שויב.

פֿרעמדער (שטילער, צו זיך אַליין)

מיר דאַכט זיך איך וועל אים פֿון אָרט שוין ניט רירן,
ער איז, ווי זײַן בעקער, אַן עקשן אַ ייִד,
און איידער אינגאַנצן מײַן זעט צו פֿאַרלירן,
איך מוז אים אַנטקעגן גיין עטלעכע טריט.

(העכער)

דו נעמסט עס, מײַן פֿרײַנט, אַזוי ערנסט און טראַגיש.
פֿאַראַנען אַ פּשרה, הער אוים מײַן געדאַנק,
און אויב דו וועסט פֿאָלגן, ניט שפּרינגען זיגזאַגיש,
וועט ווערן דערגרייכט אונדזער ביידנס פֿאַרלאַנג.

איך וועל זי באַפֿרײַען און דו קענסט דיר ווײַטער
באַנוצן דײַן לשון ווי דיר עס געפֿעלט,
נאָר קומען עס מוז אין אַ שפּראַך אַ באַנײַטער
פֿון איצט אָן און ווײַטער דײַן ליד צו דער וועלט.

איך

דו טוסט מיר אַ שפּראַכיקע מאַסקע נאַראַיען,
מײַן לעבעדיק וואָרט צו פֿאַרשטעלן מיט איר,
עס וועט, פֿאַניע פּלאַם, דיר ניט העלפֿן דאָס ברײַען:
איך וועל דיר ניט לאָזן פֿאַרטונקלען מײַן שיר.

ווער קען איבערזעצן דאָס לשון פֿון טרערן?
ווער קען איבערזעצן דאָס לשון פֿון פֿרייד?
זיי מוז מען אין זעלביקן לשון דערהערן,
וואָס טוט זיי געבערן מיט ליכטיקע רייד.

נאָר ווערטער מיט וואָרצלען, זיי קענען דערציילן
די מעשׂה פֿון פֿרייד און די מעשׂה פֿון וויי,
און ליידן פֿון הערצער עס קענען פֿאַרהיילן
נאָר ווערטער וואָס ווערן געבוירן אין זיי.

פֿאַרלאָז מיך, פֿאַרנעם זיך ,איך וויל דיך ניט קענען,
איך בין אויף דיר גוזר מיט גוטן צו גיין,
און פֿאָלגסטו ניט, וועל איך דיך תּיכּף פֿאַרברענען
אין אויוון פֿון גראַמען מיט פֿלאַמיקע ציין.

פֿרעמדער

איך בין, פֿאַניע גראָס, אַ מחותּן מיט פֿײַער,
אומזיסט טוסטו שרעקן מיט פֿלאַמען מיך . . . נאַר!
פֿאַר סטראַשען מיך וועסטו באַצאָלן מיר טײַער
און האָבן מיך לאַנג צו געדענקען דערפֿאַר.

איך

„איך לאַך פֿון דיר, פֿרעמדער, דו חוזק המלך,
ווי פֿײַוול דער בעקער, איך האָב דיך דערקענט!”
געזאָגט האָב איך שטרענג און גענומען פּאַמעלעך
מײַן פֿידל און בויגן מיט זיכערע הענט.

זעקסטע סצענע: EXIT

דערזען אז איך מיין וואס איך זאג, האט ער ביטער
א שמייכל געטאן און אזוי זיך צעלאכט,
אז ס'האט זײַן געלעכטער געמאכט א געוויטער,
וואס האט מיר א סטרונע פון פידל צעקראכט.

נאר העכער נאך האט זיך דערהערט א געלעכטער,
וואס האט מיט א געטלעכן חוזק געברילט,
געלאכט האט, ווײַזט אויס, זײַן באגלייטער, דער וועכטער,
וואס האט אים געזאגט אז זײַן וועט איז פארשפילט.

דער פרעמדער איז באלד טאקע נעלם געווארן,
עס האט זיך א ליכטיקער מארגן געשטעלט.
נאר וויפל איך האב ניט געצויבערט מײַן פידל,
עס האט מיר א גראם אין א שורה געפעלט:

אמאל אין דער דריטער, אמאל אין דער פערטער,
פארפעלט האט צו קומען דער ווידער צום קול,
ווײַל איבערגעמישט האט דעם סדר פון ווערטער
די סטרונע וואס האט מיר אין פידל געפלאצט.

נאר ווען אין פארצווייפל כ'האב וויינען גענומען,
א סטרונע פון הארץ האט דעם פידל פארריכט,
און אלע פיר שורות זיי האבן באקומען
די פליגל פון גראמען, די פליגל פון ליכט.

און דאס איז א ליכטיקע בשורה געווען מיר,
אז זי וואס געשמאכט האט בײַ אים אויף דער קייט,
איז ווידער מיט מיר און זי וואוינט אין מײַן זמר
און לערנט מיך זינגען מיט ליכטיקע רייד.

עפּילאָג

די בענקשאַפֿט פֿון אַלץ וואָס גייט־אויס צו פֿאַרשטיין

די חתונה האָט זיך געענדיקט. די נאַכט,
וואָס האָט אויף די בלעטער געוויינט און געלאַכט,
איז אונטער די הענט, ווי אַ פֿרילינג פֿאַרפֿלויגן,

און איבערגעלאָזט מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן
דעם דיכטער, ווײַל דאָס וואָס מיט אים איז געשען,
איז אַלץ נאָך פֿאַרבליבן בײַ אים אין דער פּען,

כאָטש ער האָט געמיינט אַז עס איז אים געלונגען
מיט דעם וואָס ער האָט דאָ דערציילט און געזונגען,
אויך אײַך אויף אַ רגע פֿאַרזיסן דעם טאָג,

ווען ער האָט, לויט רבי עקיבאַ׳ס פֿאַרזאָג *)
געפּרוּווט יעדן טאָג זיך מיט לידער פֿאַרשפּילן,
כּדי דאָס געוויין פֿון זײַן האַרץ צו פֿאַרשטילן.

ווײַל דאָס וואָס ער האָט אין די שורות פֿון ליד
מיט שמייכל און אויך מיט אַן אוי דאָ צעגליט,
האָט ער אויך פֿון אײַערע הערצער פֿאַרנומען,

ווען ער האָט געהערט דאָס פֿאַרנאַכטיקע ברומען —
די בענקשאַפֿט פֿון אַלץ, וואָס גייט־אויס צו פֿאַרשטיין...
און ער האָט געטראַכט אַז ער זינגט ניט אַליין.

מערץ, 1963

---

*) רבי עקיבא אומר: זמר בכל יום, זמר בכל יום (סנהדרין צט).